בעזהשי"ת

# רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ

לרגל יומא דהילולא קדישא כ"ו מנחם אב תשע"א

## עובדות וסיפורי קודש פון
## מרן רבינו הקוה"ט בעל דברי יואל זיעועכי"א

ארויס געגעבן דורך:

**תלמוד תורה יטב לב דרב"י מסאטמאר**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**קרית יואל - בני ברק**

נערך ע"י המלמדים שיחיו

**כיתה ה' (א-ב)**
**הר"ר משה יוחנן קליין הי"ו**
**הר"ר שמואל אלטער בנעט הי"ו**

# אונזערע רבי'ס

שטייענדיג אינעם חודש וואס עס פאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פון רבינו הקדוש זי"ע, שטענדיג וועו מען הייבט אן צו שרייבן פון רבי'ן ז"ל, שטויסט מען זיך גלייך אן אין זיין געוואלדיגע השלמה, וואס ער איז געווען אויסגעצייכנט אין אלע עמודי עולם. מיר וועלן זיך אפשטעלן אויף דעם רבין'ס אויסערגעוועגליכע "עבודה", וואס אין דעם אליין איז דער רבי געווען אויסגעצייכנט אלס חד מקמאי, מיר וועלן פראבירן אראפצוברענגען א מקצת שבמקצת פון די הייליגע "עבודה" פון רבינו הק'.

---

### א שמו"ע אן פרעמדע מחשבות

איינמאל, ווען מרן הקדושת יו"ט זי"ע, איז געווען צוגאסט אין די שטאט באטור, האט ער אויך מיטגענומען זיין קינד מרן רביה"ק זי"ע, וואס איז נאך געווען פאר די בר מצוה. דער קדושת יו"ט האט ארומגעשמועס'ט פארשידענע ענינים מיטן באטור'ער רב, און אינמיטן שמועס האט דער באטור'ער רב געפרעגט דעם קדושת יו"ט, פארוואס עס איז כמעט נישט מעגליך מ'זאל קענען דאווענען איין שמו"ע אן צו האבן אינמיטן פארשידענע מחשבות. דער רבי זי"ע וועלכער איז אויך דארט געשטאנען און עס דערהערט, האט זיך געגעבן א כאפ ארויס: "איך וויים נישט פון אזא זאך".

### נישט אראפגענומען קיין אויג

ווען דער רבי זי"ע איז נאך געווען א יונגערמאן נאך די חתונה, איז ער געפארן וויילן דאס ערשטע מאל א שבת בצילו פון הרה"ק המהרי"ד פון בעלזא זי"ע. דער בעלזער רב האט דעמאלטס געהייסן זיין משמש, ער זאל מכבד זיין דעם רבי'ן צו דאווענען שחרית פארן עמוד, אבער דער רבי ז"ל האט נישט געוואלט, זאגנדיג אז ער קען נישט דעם בעלזער נוסח, און ער פירט זיך ווי זיינע הייליגע עלטערן ביים דאווענען פארן עמוד, צו אנהייבן ביי תפלת שחרית פון "עד הנה עזורוני רחמיך" ביי נשמת. ווען דער משמש האט נאכדעם איבערגעגעבן פארן בעלזער רב די ווערטער, האט דער בעלזער רב צוגערופן דעם רבי'ן און אים אליין מכבד געווען צו תפלת שחרית, הייסנדיג אים זיך פירן ווי זיינע עלטערן האבן זיך געפירט, און במשך די גאנצע צייט פון דאווענען האט דער הייליגער בעלזער רב נישט אראפגענומען קיין אויג פון רבי'ן זי"ע.

### די נאכט האט אויסגעקוקט ווי בייטאג

איינע פון די גרויסע עבודות ביים רבי'ן, איז געווען די וויניג שלאפן. ווי באקאנט, איז ער קיינמאל נישט געשלאפן מער ווי צוויי און האלב שעה א נאכט, די דאזיגע עבודה האט דער רבי נאך געפראוועט אלס יונגערמאן. עס האט דערציילט דער צעלימער רב זצ"ל, אז נאכדעם וואס ער איז אויפגענומען געווארן אלס רב אין ארשיווע (א שטיקל צייט נאכדעם וואס דער רבי איז אויפגענומען אין קראלי, נאך וואס ער האט פארלאזט ארשיווע), האט ער געהאט גרויסע "פראבלעמען" מיט די בעלי בתים פון שטאט, ווייל זיי האבן נישט פארשטאנען ווי אזוי ביים רב ווערט פארלאשן די לעקטער אינמיטן די נאכט, טענה'ענדיג אז ביים פריער'דיגן רב (רביה"ק זי"ע) האט די נאכט אויסגעקוקט ווי בייטאג.

### די שטיקל גמרא לאזט מען מיר שוין אויך נישט לערנען

עס האט דערציילט הגה"צ רבי שמואל בראך שליט"א: עס פלעגט אסאך מאל אויסקומען פאר אידן וואס האבן געוואלט אריינגיין צום רבי'ן, אז זיי האבן געדארפט ווארטן עטליכע טעג, עס זענען געווען אידן וואס זיי איז געווען שווער צו ווארטן עטליכע טעג, זענען זיי געקומען גאנץ פרי, און צומאל איז זיי געלונגען אז דער רבי האט זיי אויפגענומען. אבער וויבאלד עס איז פארמערט געווארן דאס קומען צופרי, האט דער רבי זי"ע פארמאכט די טיר. ער האט זיך איינמאל באקלאגט פארן משב"ק: "די שטיקל גמרא וואס יעדער איד דארף לערנען פארן דאווענען, לאזט מען מיר שוין אויך נישט לערנען".

### רישקעס טרערן זענען גערינען פון אים

אין ירושלים איז געווען דער מנהג פון די סלאנימער חבורה צו דאווענען שבת צופרי וותיקין, און דערנאך האט הרה"ק ר' מאטיל סלאנימער זי"ע געגעבן א שיעור. ווען רביה"ק איז געווען אין ירושלים, האט ר' מאטיל געזאגט צו זיין חבורה: "איר וועט לערנען און איך גיי צו ר' יואל'יש", רבי מאטיל איז געגאנגען צום רבי'ן און איז אנגעקומען אינמיטן שחרית ווען דער רבי זי"ע האט געזאגט נשמת. רבי מאטיל איז געשטאנען פון דער זייט און זיך צוגעהערט צום רבי'ן'ס דאווענען. האט שפעטער דערציילט הרה"ח ר' אהרן וויינבערג וואס האט אים באגלייט, אז "צוויי רישקעס טרערן זענען אים גערינען פון די אויגן".

### בודק זיין צו ער איז געווען ביים בארג סיני

עס האט דערציילט הרה"ח ר' שמחה לעפקאוויטש, אז איינמאל הושענא רבא, ביי די הייליגע הושענא רבא דרשה פון רביה"ק זי"ע, איז געשטאנען נעבן אים הגה"ק רבי יונתן שטייף זצ"ל, און ער האט זיך אנגערופן צו אים: "ווער עס ווערט נישט נתעורר פון די הייליגע דרשה פון רבי'ן, דארף מען בודק זיין צו רגליו עמדיו על הר סיני".

### די תפילות פון רבי'ן איז אים מבלבל

איינער פון רבינס תלמידים פון קראלי איז געקומען קיין ארץ ישראל, און במשך די צייט איז ער אינגאנצן קאליע געווארן, ער איז דערווייטערט געווארן פון אידישקייט ל"ע און ער איז געווארן פון די גרויסע ציונים. יענער פלעגט שרייבן אין די צייטונגען פילע מאמרים פון זיינע זכרונות אין די תקופה פון קראלי, און ער האט דערמאנט אז די תפלת שחרית וואס דער רבי פלעגט דעמאלטס דאווענען שבת אינדערפרי, איז אים געבליבן איינגעקריצט אין זכרון, און יעדעס מאל וואס ער דערמאנט זיך דערפון, שטערט עס אים און עס איז אים מבלבל פון זיין פרייע התנהגות, דעם רבינס קול פון די תפלה "נשמת כל חי" צומישט זיינע געדאנקען און עס האלט אים אפ פון צו טאן עבירות.

### מיטגעריסן געווארן מיטן רבינס דאווענען

ר' חיים אלי' שטערנבורג זצ"ל, האט דערציילט וועגן דעם רבינס נסיעה אין יאר תרצ"ב, ווען דער רבי איז געפארן מתפלל זיין אויף די מקומות הקדושים. ר"ח אלול תרצ"ב, האט דער רבי געדאוונט אין ביהכ"נ "אור תורה" אין טבריא. דארט אינעם זעלבן בנין, האט אויך געוואוינט הגה"צ ר' משה קליערס זצ"ל, וועלכער איז שוין געווען שטארק קראנק, האט ער געבעטן, אז איידער דער רבי הייבט אן צו זאגן הלל, זאל מען אים צופירן אויף די טאראסע צום פענסטער פון ביהכ"נ, ער זאל קענען הערן דעם רבינ'ס הלל. אזוי איז טאקע געווען מען האט אים צוגעפירט צום פענסטער, און ווי דער רבי זי"ע האט אנגעהויבן זאגן: "ברוך אתה" מיט זיין באוואוסטן נוסח, האט הגה"צ ר' משה קליערס אנגעהויבן גיסן מיט טרערן, דאס האט אנגעהאלטן אזוי דעם גאנצן הלל ביז צום סוף. ר' משה קליערס וואס איז מיטגעריסן געווארן מיטן רבינס הייליגן נוסח התפילה, האט די גאנצע צייט געוויינט פון גרויס התרגשות ווי א קליין קינד.

### פארגעסן צו עסן

הרה"ח ר' מנדל הערש ניימאן ז"ל (א תלמיד פון קדושת יו"ט), האט דערציילט, אז אמאל אין חדר האט דער מלמד באפוילן פאר די קינדער, זיי זאלן אויפעסן דעם מיטאג וואס זיי האבן זיך מיטגענומען פון שטוב, און דערנאך וועלן זיי קענען גיין צום טייך זיך אפצוקילן פון די גרויסע היצן. האט דער רבי געגומען אין די האנט דאס עסן און דאס אזוי געהאלטן א לענגערע צייט, מען האט אים דערמאנט עטליכע מאל ער זאל דאס אויפעסן און זאל אויך גיין זיך אביסל אפקילן, איז ער אבער ווייטער געבליבן זיצן פארקלערט אין זיינע געדאנקען. די חברים זענען אלע געגאנגען צום טייך, ווען זיי זענען צוריק געקומען האבן זיי אים געטראפן, ווי ער זיצט פארטראכטערהייט מיטן עסן אין די הענט, און אזוי איז ער צוריק געגאנגען לערנען מיט התמדה.

### עס איז נישט מעגליך אז דער רבי האט געבעטן

עס האט זיך אמאל געמאכט, אז איינער פון די הויז בחורים איז געווען פארנומען מיט עפעס אין שטוב, האט ער געבעטן א צווייטן בחור, אז ער זאל גיין צו די רעבעצין ע"ה בעטן א טיי פארן רבי'ן. דער בחור וואס האט נישט געגעבן געכאפט וואס דער הויז בחור זאגט אים, האט ער איבערגעזאגט פאר די רעבעצין: "דער רבי בעט א טיי", די רעבעצין ע"ה האט אים געגעבן די טיי און שמייכלנדיג אים געזאגט: "עס איז נישט מעגליך אז דער רבי בעט א טיי, אין די אלע יארן האב איך קיינמאל נישט געהערט אז דער רבי זאל בעטן עפעס עסן אדער טרינקען".

# ממזרח שמש
# עד מבואו

**וזרח השמש**

דער כלל ישראל אין אונזער תקופה האט זוכה געווען צו א באזונדערן ליכטיגקייט, איינער פון די שפעטסטע צדיקים פון די תלמידי הבעל שם טוב, א גאון אין תורה און חכמה, א גאון אין עבודת השי"ת מיט מסירת נפש, א גאון אין גמילות חסדים, אין העלפן און מחי' זיין אידן, א צדיק אמת וואס האט פארמאגט אלע מעלות און מדות טובות וואס די הייליגע חכמים ז"ל רעכענען אויס ביי ערליכע אידן, דאס איז געווען כ"ק אדמו"ר רשכבה"ג רבינו הגדול והקדוש זכותו יגן עלינו וימליץ טוב בעדינו בעל "דברי יואל".

***

דער רבי זי"ע איז געבוירן געווארן ח"י טבת שנת ה' אלפים תרמ"ז אין די שטאט סיגעט צו זיין גרויסן טאטן - מרן הגה"ק בעל קדושת יום טוב זי"ע וואס ער איז געווען א זון פון הגה"ק בעל ייטב לב אויך רב אין סיגעט, א זון פון הגה"ק רבי אלעזר ניסן טייטלבוים זי"ע רב אין דראביטש א זון פון הגה"ק בעל ישמח משה רב אין איהעל (אונגארן) אויך איז דער רבי געווען אן אייניקל פון דעם

## צאתך לשלום

עס איז געווען א איד וואס האט געוואוינט אין טארנא מען האט איהם גערופן ער זאל זיך שטעלן ביי די מיליטער פון שטאט סאטמאר, און ער האט געטראכט א עצה ווי אזוי פטור צו ווערן דורך דעם וואס ער וועט גיין צופיס פון זיין שטאט ביז סאטמאר און עס וועט איהם ווערן געשוואלן די פיס און אזוי וועט ער פטור ווערן פון די מיליטער און גייענדיג איז איהם טאקע די פיס געווארן געשוואלן, און ווען ער איז געווען אין שטאט סאטמאר איז ער געווען אסאך צייט אין מקוה און וועגן דעם האט זיך זיינע פוס אויסגעהיילט אזוי ווי פריער, האט ער זיך זייער דערשראקן אז ער האט שוין נישט קיין סיבה, איז ער אריין געגאנגען צום רבי'ן ז"ל און ער האט איהם פארציילט זיין צרה, דער רבי האט איהם אנגעקוקט און געזאגט מיט א שמיכל, האב נישט מורא, ווייל אויך מיט געזונטע פוס וועט מען דיך נישט אריין נעמען צו די מיליטער, און אזוי איז טאקע געווען, מ'האט איהם טאקע באפרייט, ויהי לפלא.

היילגן מהרש"א און פון היילגן מהרש"ל, פון היילגן רמ"א און רש"י הקדוש און נאך...

די מאמע פון רבי'ן ז"ל איז געווען הצדקנית מרת חנה בת הגה"צ ר' יואל אשכנזי זצ"ל וועלכער איז געווען רב אין זלאטשעוו און ער איז געווען א גאון הגאונים אן איידעם און א תלמיד ביי זיין שווער הגאון ר' יעקב מליסע זצ"ל דער חוות דעת, דער פאטער פון זלאטשעווער רב איז געווען הגה"צ ר' משה דוד אשכנזי זצ"ל רב אין טאלטשעוו, סוף ימיו איז ער געפארן אויף ארץ ישראל און געווארן רב אין עיה"ק צפת, דער טאלשעווער רב איז געווען דער שווער פון דעם היילגן ייטב לב זי"ע, דער פאטער פון ר' משה דוד אשכנזי איז געווען הגאון ר' אשר אנשיל זצ"ל רב אין ראזלא און מגיד מישרים אין לעמבערג (פוילן), מען האט עדות געזאגט אויף אים אז קיין פרוטה האט קיינמאל נישט גענעכטיגט ביי אים אין טאש נאר ער האט אלעס צעטיילט פאר צדקה, זיי זענען געווען אן אפשטאם פון חכם צבי ביז ר' יוחנן בן זכאי, ביז דוד מלך ישראל.

## רגלי חסידיו ישמור

**איינמאל ערב פסח האט דער רבי ז"ל פארקויפט די חמץ פאר א גוי, נאך פסח האט די גוי נישט געוואלט צוריק געבן די חמץ און נאך מער נאר ער האט גענומען א ערכאות אין אנקלאגן איהם דין ערכאות, און עס איז געהאנגען א גרויסע צרה אויפן רבי'ן ז"ל, איז געשעהן א נס אז פונקט אין די טאג וואס האט געדארפט פארקומען די משפט איז פלוצלינג דער גוי געשטארבן.**

אלטע חסידים וויסן צו דערציילן אז די שיינע מדות טובות, דאס גרויסע אהבת ישראל, דאס סבר פנים יפות אלעמאל צו יעדן איד, און א גוטווארט צו יעדן אייביג, דאס אוועקגעבן זיך אינגאנצן פאר אן אנדערן, און נאך מדות טובות דאס שטאמט א גרויס חלק פון זיין מאמע'ן די צדיקת ע"ה וואס זי פלעגט אים אלעמאל נאך אלץ קינד און שפעטער אויך, פיל צו דערציילן מעשיות, התנהגות פון צדיקי אמת, פון זייערע פירונגען און מדות טובות, און דאס האט ער זיך גוט איינגעקריצט אין מוח, און האט זיך מייגע געווען דערויף, געהארעוועט, ביז דער רבי זי"ע איז טאקע אויסגעוואקסן א צדיק אמת, ממש א יחיד בדורו.

אויך האבן סיגעטער אידן געדענקט צו דערציילן צווישן די שיינע זכרונות פון אמאל, אז י"ח טבת שנת תר"ס איז פארגעקומען דע גרויסע בר מצוה אין די שטאט סיגעט, אין הויז פונעם רב דער הייליגער קדושת יום טוב זי"ע, דאס פשעט'ל וואס דער בר מצוה בחור האט געזאגט מיט קלארקייט אין לערנען, געפלאכטן מיט א פאר סוגיות אין ש"ס, האט יעדער באוואונדערט, זיין אייזערנעם מוח, מיט זיין גוטן זכרון, געזאגט דרייסט, אן א פחד, אן א בושה, אזוי ווי א זקן ורגיל, קעגן א געוואלטיגן עולם וואס זענען זיך צוזאם געקומען לכבוד דעם באליבטן רב, די חשוב'ע בעלי בתים פון די שטאט, חסידים ואנשי מעשה זענען אלע דארט געווען, מען האט שוין דעמאלס געזען

אז דאס קינד וועט וואקסן א גדול בישראל, א נייער ליכטיגער שטערן, וואס וועט ליכטיג מאכן פאר אידישע קינדער.

כ"ק רבינו זי"ע איז געווען א מנהיג ישראל 73 יאר, פון יאר תרס"ו ביז תשל"ט, אין זיין צייט איז פארגעקומעןביידע וועלט מלחמות, די ערשטע פון תרע"ד ביז תרע"ח, פיר יאר, און די צווייטע פון תרצ"ט ביז תש"ה, זעקס יאר, און אזוי אויך אנדערע שווערע צייטן ווי ער האט פיל צוגעהאלפן פארן כלל ישראל מיט זיין פלאם פייערדיגן כח התורה, מיט זיינע געוואלדיגע דרשות, ער האט נישט מורא געהאט פאר קיינעם און פאר גארנישט נאר פאר'ן באשעפער פון דער וועלט, ער האט געהיטן און געשיצט דעם כלל ישראל מיט זיין קדושה און מיט זיין תורה, עבודה, און גמילות חסדים, ער האט באלויכטן דאס פינסטערניש און געווען דער וועגווייזער פאר דעם גאנצן דור.

***

אין יאר תרס"ד האט דער רבי זי"ע חתונה געהאט, אין די שטאט סיגעט, געציילטע טעג נאך די חתונה איז זיין גרויסער פאטער דער קדושת יום טוב נסתלק געווארן, און די שטאט סיגעט האט אויפגענומען אלס רב דעם עלטערן ברודער פון רבינו הקדוש, מרן הגאון הקדוש ר' חיים צבי טייטלבוים זי"ע דער הייליגער עצי חיים.

אין יאר תרס"ו האט זיך מרן רבינו ז"ל אריבער געצויגן קיין סאטמאר, וואו די חסיד'ישע אידן פון דארט האבן אים געבויעט א בית המדרש וואו ער האט געדינט השי"ת מיט זיין הייליגע עבודה און תפלות, און געלערנט פלייסיג די תורה הקדושה טאג און נאכט אן אויפהער מיט איבערמענטשליכע

## ברכה שלימה

**ווען דער רבי ז"ל איז געווען אין ירושלים שנת תרצ"ב, איז דער רבי געגאנגען מבקר חולה זיין, דעם ראש המקובלים אין ירושלים, דער ספרד'ישער גאון רבי חיים שאול הכהן דוויק, וואס איז געלעגן אין "שערי צדק"–וואלאך שפיטאל.**

**עס ווערט דערציילט, אז ווען דער רבי האט איהם געבעטן ער זאל איהם בענטשן ברכת כהנים, רבי חיים שאול האט פארשטאנען, אז דער רבי וויל איהם בענטשן, האט ער צוגעבויגן זיין קאפ צום רבי'ן כדי דער רבי זאל ארויף לייגן זיינע הענט און איהם בענטשן, האט איהם דער רבי געזאגט אז ער האט געמיינט צו זאגן פארקערט, אז ער – רבי חיים שאול – זאל איהם בענטשן, רבי חיים שאול האט געוואונקען דעם רבי'ן צו אראפ בייגן דעם קאפ נענטער צו איהם, דער רבי האט אזוי געטוהן און רבי חיים שאול האט ארויף געלייגט זיינע הענט אויפן רבינ'ס קאפ, און איהם געבענטשט ברכת כהנים יברכך ה' וישמרך א.א.וו.**

**ביים ארויס גיין פון צימער נאכ'ן וויזיט, האט זיך דער רבי אנגערופן צו זיינע באגלייטער: "א איד וואס ווען מען בעט איהם א ברכה מיינט ער אז מען גיט איהם א ברכה, און עס איז ביי איהם די זעלבע זאך צו ער בענטשט צו מען בענטשט איהם, פון אזא איינעם איז ווערד צו האבן א ברכה".**

התמדה, און שוין דעמאלס האבן אנגעהויבן צו שטראמען צו אים פילע חסידים אנשעפן זיך פון דעם הייליגן קוואל, תורה און חכמה, עבודה, יראת שמים, מדות טובות, און גמילות חסדים, התחזקות הדרכה, און עצות, קדושה, טהרה, צו דינען השי"ת מיט שמחה, מיט אמת און יראת שמים.

אין סאטמאר איז דעמאלס געווען דער רב הגאון הצדיק ר' יודא גרינוואלד זכר צדיק לברכה מחבר פון ספר "שבט מיהודא" און אייניקל פון חתם סופר און תלמיד פון כתב סופר.

דער "שבט מיהודא" וואס איז געווען דעמאלס פון די זקני וגדולי הדור האט ארויסגעוויזן גרויס ליבשאפט צו כ"ק רבינו זי"ע און ער האט אים שטארק מכבד געווען ביי יעדע געלעגנהייט, טראץ דעם וואס רבינו זי"ע איז נאך דעמאלס געווען גאר יונג און נאכנישט געווען אפילו צוואנציג יאר.

## ארשיווא

אין יאר תרע"ו איז דער רבי זי"ע אויפגענומען געווארן אלס רב אין דעם שטעטל "ארשיווא" וואס האט געהאט אונטער זיקצענדליגער שטעטלעך און דערפער איבער וועלכע רבינו זי"ע איז געווען רב, שוין דעמאלטס איז דער רבי זי"ע געווארן מפורסם אלס גאון און "גדול" און די גרויסע גאונים פון דעמאלס'דיגן דור האבן איהם שוין אנגעפרעגט פארשידענע הלכה שאלות, און זענען שטארק נתפעל געווארן פונעם שכל הישר, גאונות און צדקות.

## עינים צופיות

**ווען דער רבי האט פארברענגט אין ירושלים, האט די שטאט אויפגעשטורעמט פון א שרעקליכע מעשה וואס האט פאסירט:**

**א קריג איז אויסגעבראכן צווישן צוויי ירושלים'ער מחותנים, און מען האט בשום אופן נישט געקענט פארגלייכן צווישן זיי, די באשטימטע צייט פון די חתונה איז שוין לאנג אריבער און עס איז נאך אלץ נישט געלונגען צו שטעלן חופה פאר די חתן-כלה.**

**איינער פון די מחותנים איז אריין צום רבי'ן, צו פרעגן א עצה און צו בעטן א ברכה, האט איהם דער רבי געהייסן באלד איהם ברענגען דעם תנאים.**

**ווען דער מחותן האט געברענגט דעם תנאים צום רבי'ן, האט זיך דער רבי אוועק געזעצט און לאנגזאם איבער געליינט דעם תנאים, אז דער רבי איז צוגעקומען צוםווארט וואו עס שטייט: "ובתוך הזמן מתי שיתרצו שני הצדדים", האט דער רבי באלד אויפמערקזאם געמאכט דעם מחותן אויפן פעלער וואס איז אריין געפאלן ווען מען האט געשריבן דעם תנאים: אשטאט "מתי שיתרצו שני הצדדים - ווען ביידע צדדים וועלן איינוויליגן" איז געווען געשריבן "מתי שיתרצצו שני הצדדים - ווען ביידע צדדים וועלן זיך אמפערן"...**

**דער רבי האט באלד געלאזט רופן דעם צווייטן מחותן, און באפוילן ער זאל מיט זיך מיטברענגען דעם תנאים, מען האט אויפן ארט פאראכטן דעם פעלער אין די ביידע תנאים'ס, און אין א קורצע צייט דערנאך איז די חופה געשטעלט געווארן**

אין ארשיווא האט דער רבי זי"ע אנגעהויבן ממשיך צו זיין דעם הייליגער דרך פון זיין טאטן דער הייליגער "קדושת יום טוב" און פון זיין זיידן דער הייליגער "ייטב לב" צו פירן א ישיבה און מרביץ תורה צו זיין פאר אידישע קינדער, און ער האט געגרינדעט א ישיבה וואו בחורים פון פארשידענע שטעט פון נאנט און ווייט האבן אנגעהויבן שטראמען, צו האבן די זכי' לערנען אין די הייליגע ישיבה פונעם רבי'ן, וועלכער האט מיט גרויס איבערגעגבנקייט צו יעדן תלמיד בעזונדער געשטרעבט אריינצוברענגען תורה, יראת שמים, קדושה און חסידות, פון די ישיבה זענען נאכדעם טאקע ארויסגעקומען גרויסע תלמידי חכמים, ראשי ישיבות, רבנים, און פיל ערליכע אידן, בעלי בתים, חסידים ואנשי מעשה.

## ישועות און רפואות

**אין ירושלים האט געוואוינט א חשוב'ער רב הרה"ג ר' אברהם יוחנן בלומענטאל ז"ל וועלכער איז געווען דער מייסד פון די "בית יתומים בלומענטאל" אין ירושלים, ער האט געהאט א זוהן וועלכער האט ל"ע א לאנגע צייט נישט געהאט קיין קינדער, איז ער ספעציעל געקומען קיין אמעריקא עוסק זיין בצרכי רפואה ער זאל געהאלפן ווערן מיט קינדער.**

**דער יונגערמאן איז אריינגעקומען צום רבי'ן ז"ל און ער האט פארציילט דער ציהל פון זיין קומען קיין אמעריקא, ער האט אויך געזאגט פאר'ן רבי'ן ווערמענס זוהן ער איז, "איך קען דיין טאטן זייער גוט" – האט איהם דער רבי זי"ע געענטפערט – פאלג מיר, גיי נישט צו קיין שום דאקער, נאר פאר גלייך צוריק אהיים ווערסטו אי"ה געהאלפן ווערן, דער יונגערמאן מיט אמונה פשוטה אינעם ברכה פון דעם צדיק איז גלייך אהיים געפארן אזוי ווי דער רבי זי"ע האט איהם געהייסן און ער איז ברוך השם געהאלפן געווארן מיט קינדער און ער האט אויפגעשטעלט א אידישע שטוב לשם ולתפארת.**

אין יאר תרע"ד ווען עס האט אויסגעבראכן די ערשטע וועלט מלחמה האט דער רבי זי"ע געמוזט אוועקפארן פון ארשיווא און איז דעמאלס צוריק געפארן קיין סאטמאר אויף א שטיקל צייט ביז ער האט זיך געקענט צוריקקערן צו זיין ישיבה און קהלה אין ארשיווא.

נאך אלץ פרישער יונגערמאן האט זיך רבינו הקדוש ארויסגעוויזן פאר א רועה נאמן, און מנהיג ישראל פאר זיין עדה אידן, די עטליכע שטעטלעך און דערפער איבער וועלכע רבינו הגדול והקדוש זי"ע איז געווען דער רב, דער מרא דאתרא, האבן זיך געפילט אונטער א געטרייעם שומר, א היטער, א שיצער, כנשר יעיר קנו, על גוזליו ירחף, ווי א אדלער באשיצט זיינע פייגעלעך פון יעדן שונא, פון יעדן געפאר, פון יעדע סכנה, אזוי האט רבינו זי"ע נאך אלץ ארשיווער רב שוין געוואוסט וויאזוי צו העלפן אידן, צו היטן און שיצן אידישע קינדער, ווייל עס האט קיינמאל נישט געפעלט קיין שטערערס, מסיתים ומדיחים און פארפירערס, סיי ווען די ציונים האבן אנגעפאנגען מיט זייערע

וועגן, סיי פון אנדערע פירצות הדור, דער יצר הרע, דער שטן, מיט זיינע שליחים זענען אלעמאל געווען טעטיג, ווי עס איז באוואוסט ווי רבינו הגדול האט זיך ממש זיין לעבן איינגעשטעלט ביי א תרעובות׳דיגע חתונה אין א דארף אין זיין גליל, ווי א גבור חיל דרייסט אן שום מורא, האט ער זיך אקעגנעשטעלט קעגן יעדן פירצה אדער גרינגשעצונג פון שמירת תורה ומצוות, שטארק ווי א לייב, און דרייסט ווי א לעמפערט, האט ער אייביג פארטיידיגט זיין קהלה, זיין עדה, זיין פאלק, דעם כבוד שמים און אונזער תורה הקדושה, די מענטשן פון יענע חתונה וואס האבן זיך אנטקעגן געשטעלט מיט א עזות און חוצפה האבן גלייך דערנאך באקומען זייער א ביטערן סוף, וואס אלע צייטונגען האבן שפעטער געשריבן פון דעם.

## קראלי

אין יאר תרפ״ו איז דער רבי זי״ע אויפגענומען געווארן אלס רב אין די שטאט קראלי, פאר דעם איז דארט געווען רב הגאון הצדיק ר׳ שאול בראך זי״ע דער קאשוי׳ער רב, דער רבי זי״ע האט דארט איבערגעפלאנצט זיין הייליגע ישיבה וואס האט געהאלטן אין איין וואקסן, און אויך אין די קהלה האט ער פיל אויפגעטאן.

אין קראלי האט דער רבי זי״ע לוחם געווען ווי פריער קעגן די ציוניסטישע פארטייען וואס האבן דעמאלס אנגעהויבן אויסצושפרייטן זייערע נעסטן איבער די שטעט פון אונגארן און רומעניע, ער איז ארויסגעקומען מיט א קול קורא קעגן זיי, און געשטורעמט קעגן זיי מיט אלע כוחות, זעענדיג די גרויסע סכנה וואס ווארט אויפ׳ן כלל ישראל דורך זיי, ער איז געשטאנען אויף דער וואך מיט מסירת נפש, אז דער ווארעם פון ציוניזם זאל זיך נישט אריין עסן אין די יוגנט און ער האט ארויסגעטרעטן שארף ביי יעדע געלעגנהייט, ווי למשל ער האט

### עניני תפילה

**עס איז געווען אמאל זייער א הייסער זומער טאג, דער רבי זי״ע האט זיך דעמאלטס אפגערוהט אין ״שעראן ספרינגס״ האט זיך הרה״ח ר׳ יוסף לייב כהנא ע״ה אנגערופן צום רבי׳ן זי״ע דא אויף דער וועלט קען מען זיך נאך א עצה געבן אקעגן שווערע היצן, מען קען זיך אפקילן מיט אן ״עירקאנדישאן״ אבער אויף יענע וועלט ווען מען איז אין גיהנום איז דאך נישטא קיין עירקאנדישאן וואס עס זאל אפקילן פון די גרויסע היצן...**

**אין גיהנום איז אויך דא אן ״עירקאנדישאן״ – האט איהם דער רבי זי״ע געענטפערט – ווייל די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (דף טו:) כל הקורא קריאת שמע ומדקדק באותיותיה מצננין לו גיהנום...**

**אויב איינער לייענט קריאת שמע און ער איז מדקדק אין אירע אותיות, ארויס זאגן קלאר יעדע ווארט און יעדע אות, באקומט ער שכר אז מען טוט איהם אפקילן דעם גיהנום.**

איינמאל אפגעשפארט אויף א שטיק צייט א בית המדרש אין קראלי אלס קנס פאר דעם וואס זיי האבן געגעבן א עלי' צו די ספר תורה פאר איינעם פון די מזרחי פארטיי, און אזוי ווייטער ביי יעדע פירצה.

דער רבי זי"ע אויך ווען ער איז שוין געווען רב אין קראלי האט ער אבער אנגעהאלטן די פריינדליכע באציאונגען צו זיין געוועזענע קהלה אין ארשיווא, ער איז אפט געפארן צו זיין אויף שבתים זיי מחזק צו זיין, ער האט זיי אויך געשריבן און מעורר געווען קעגן אלע פירצות פון דור, קעגן ציונות, און ער האט פון זיי שטענדיג געפאדערט אז זיי זאלן זיך האלטן פעסט אין דעם וועג וואס ער האט מיט זיי געלערנט.

אין יאר תרצ"ב איז דער רבי זי"ע דאס ערשטע מאל געפארן באזוכן ארץ ישראל, וואו ער איז געשעצט געווארן דורך אלע ערליכע אידן תלמידים חכמים און צדיקים וואס זענען דעמאלס געווען אין ארץ ישראל, ווען דער רבי זי"ע איז צוריקגעקומען קיין קראלי איז אים געקומען א בריוו פון ארץ ישראל אז זיי ווילן אים אויפנעמען אלס רב אין ירושלים אנשטאט הגאון הצדיק ר' יוסף חיים זאנענפעלד זכר צדיק לברכה וואס איז דעמאלס נסתלק געווארן, דער רבי זי"ע האט זיי דעמאלס צוריקגעשריבן א בריוו ווי ער זאגט אפ דעם רבנות פאסטן און ער שרייבט זיי התחזקות רייד און טרייסט נאכ'ן פארלוסט פון זייער גרויסן רב.

## אפגעהיטן שוין פון אלס קינד

**א חשובער איד א תלמיד פון מרן הגה"ק בעל קדושת יום טוב זי"ע האט דערציילט אז ער איז אמאל געקומען צו פארן קיין סיגעט צו זיין רבי'ן דער קדושת יום טוב זי"ע זיך אדורך רעדן אין זיינע ענינים, איז ער אנגעקומען ביינאכט, און נאכדעם ווי ער איז ארויס געקומען פונעם צימער פון קדושת יום טוב איז ער צוגעגאנגען צו די רעביצין ע"ה און געזאגט "איך מוז שוין מארגן גאנץ פריה פארן מיטן באן, און איך האב נאך יעצט נישט געהאט קיין געלעגנהייט צו זעהן דעם רבינ'ס קינדער (דער עצי חיים און דער רבי זי"ע). די קינדער שלאפן דאך שוין יעצט האט איהם די רעביצין ע"ה געענטפערט, אבער ער האט נישט נאכגעלאזט און ער האט געזאגט איך וויל זעהן ווי זיי שלאפן, די רעביצין האט איהם צוגעפירט צו די שלאף צימער, האט ער געזעהן ווי דער רבי זי"ע האט זיך אינמיטן שלאף א קראץ געטוהן אופן קאפ נישט מיט די בלויזע הענט נאר צוגעדעקט מיט די ארבל פון די העמעד, ער איז גלייך ארויס געגאנגען פון צימער און געזאגט "רעבעצין איך האב שוין געגוג געזעהן..."**

## סאטמאר

אין יאר תרצ"ד איז כ"ק רבינו זי"ע אויפגענומען געווארן אלס רב אין די עיר ואם בישראל "סאטמאר" אנשטאט הגאון הצדיק ר' אליעזר דוד גרינוואלד זצ"ל, מחבר פון ספר קרן לדוד, וואס האט געהאט איבערגענומען דאס רבנות נאך די פטירה פונעם בעל שבט מיהודה זצ"ל.

אויך אין סאטמאר איז איבער געפלאנצט געווארן די גרויסע ישיבה פון דעם רבי'ן וואס עס איז פיל געוואקסן ביז עס האבן שוין דארט געלערנט מער פון פיר הונדערט בחורים תלמידי חכמים ויראי השי"ת, וואס דעמאלס איז דאס געווען פון די גרעסטע ישיבות.

אין סאטמאר איז שוין דער רבי זי"ע נישט געווען קיין גאסט, ווי עס ווערט שוין דערמאנט אין די פריערדיגע קאפיטלעך אז דער רבי זי"ע האט שוין געוואוינט דארט איינמאל אלס יונגערמאן, און דערנאך אויךאין די צייטן פון די ערשטע וועלט מלחמה אלס ארשיווער רב, פונדעסטוועגן איז מיט'ן אנקומען פון רבי'ן זי"ע קיין סאטמאר אלס רב געווארן א גרויסע ענדערונג אין די גאנצע שטאט.

סאטמאר וואס איז שוין געווען באקאנט ביז יעצט אויך מיט אירע ישיבות פון די פריערדיגע רבנים ז"ל אלס א מקום תורה, איז עס אבער יעצט דערהויבן געווארן אלס א צענטער פון תורה, חסידות, יראת שמים און צניעות, סאטמאר האט גע'שמ'ט מיט אירע לומד'ישע בחורים, ערליכע יונגעלייט, חסידישע אידן, שיינע צניעות'דיגע אידישע שטובער, לויט די תקנות וואס דער רבי האט געמאכט אין סאטמאר, (עיין דברי יואל מכתבים חלק ראשון סימן ד') וואס האבן זיך געהאלטן אין איין פארמערן דורך די השפעה און הייליגע ארבעט פון רבי'ן זי"ע.

אין סאטמאר האט דער רבי זי"ע געוואוינט ביז נאך פסח אין יאר תש"ד, ווען עס האבן זיך אנגעפאנגען די גרויסע צרות פון געטא, אוישוויץ, און די אנדערע דייטשע לאגערן.

## אמונת צדיקים

**עס איז געווען א איד וואס האט געהאט יענע מעשה רח"ל און ער איז געווען זייער קראנק, האבן איהם זיינע נאנטע געזאגט אז ער זאל פאר'ן צום רבי'ן ז"ל און בעטן אז ער זאל געזונט ווערן, דער איד איז טאקע געפארן און ער איז אנגעקומען פאר שבת, האט ער געטראכט א מוצאי שבת וועט ער אריין גיין צום רבי'ן בעטן, נאר אזוי ווי ער האט נישט געקענט די מנהגים איז ער געגאנגען צום רבי'ן אין שטוב, האט מען איהם געזאגט אז דער רבי איז נאך יעצט אין שוהל, ער איז אנגעקומען אין שוהל ווי דער רבי האט געהאלטן אימיטן זאגן די הייליגע לאנגע תורה (די באקאנטע שלש סעודות תורה פר' נשא), אזוי ווי דער רבי האט גערעדט זייער לאנג, האט ער שוין נישט געהאט קיין גערולד אויסצווווארטן ביזן סוף, אינמיטן די תורה איז געווארן א רעש פון מענטשן, האט דער רבי שטיל געמאכט און האט געזאגט "ווען עס געפעלט נישט וואס איך זאג קען אהיים גיין געזונטערהייט", ער איז אהיים געפארן און ביז א קורצע צייט איז ער געזונט געווארן, האט ער אריינגעטראכט און ער האט זיך דערמאנט אז דער רבי האט דאך אזוי געזאגט אז מען קען אהיים פארן "געזונטערהייט"...**

די שטאט סאטמאר האט זוכה געווען אז דער צדיק, וואס איז געווען רב אויך אין אנדערע שטעט, פונדעסטוועגן איז ער באקאנט געווארן איבער די גאנצע וועלט מיט דעם נאמען "סאטמארער רב". סיי די אנהענגערס, די תלמידים חסידים, און סיי די געגנערס, די ציונים און זייערס גלייכן, ביי יעדן איז ער גערופן געווארן אין זיין לעבן, און אויך שפעטער, נאר מיטן דעם נאמען סאטמארער רב, זכותו יגן עלינו וימליץ טוב בעדינו.

## אמונה ובטחון

**אמאל איז א מענטש געקומען צו פארן פון ארץ ישראל צום הייליגן רבי'ן בעל דברי יואל און ער האט איהם געבעטן א ברכה אויף פרנסה, האט איהם דער רבי געזאגט אז ער זאל צוריק פארן קיין ארץ ישראל און ער וועט האבן פרנסה, דער איד מיט גרויס אמונה האט געפאלגט און איז צוריק געפארן, אפאר יאר שפעטער איז דער רבי ז"ל געקומען קיין ארץ ישראל, און דער מענטש איז אריין צום רבי'ן, און דער רבי האט געפרעגט צי ער האט שוין פרנסה, האט ער געענטפערט פאר'ן רבי'ן אז ער האט שוין ב"ה פרנסה, פון דעם קען מען זעהן אז מען דארף גלייבן אין א צדיק, און אין דעם זכות ווערט מען געהאלפן**

די שטאט "סאטמאר" האט אויך געהאט די זכי' אז אין די אלע יארן ווען דער רבי זי"ע איז שוין געווען אין אמעריקע, האט מען געוואוסט אז וואו עס געפינט זיך נאר א איד וואס פירט זיכאויף לויט די אנווייזונג פון די הייליגע תורה מיט אלע פרטים, סיי מיט די הייליגע שיטה נישט צו האבן קיין שום שייכות מיט ציונים, און סיי מיט צניעות, מען זאל נישט ווערן מיטגעריסן מיט פירצות פון די גאס, האט מען דעם איד אנגערופן אז ער איז א "סאטמארער", אזוי ווי דער רבי זי"ע האט אליין געזאגט עטליכע מאל אין די דרשות (עיין פרשת בלק תשט"ז דרשה קודם קריאת התורה) וואו ער האט מעורר געווען מען זאל גיין אנגעטאן צניעות'דיג, האט ער שטענדיג געזאגט: "אז ווער עס האט שוין אויף זיך דעם פלעק "סאטמאר" קען ער סיי ווי סיי נישט אפווישן דעם פלעק מיט דעם וואס מען ווארפט אראפ פון זיך דעם עול פון צניעות".

דער נאמען "סאטמאר" וואס פון פריער איז עס געווען בלויז א שטאט, איז אצינד געווארן א וועלט'ס פארנעם, כמעט אין די גאנצע וועלט וואו עס געפינען זיך נאר א קיבוץ ערליכע אידן, איז אויך דא סאטמארער מוסדות התורה והחינוך, וואס זענען לשם ולתפארת, כל רואיהם יכירום שהם זרע ברך ה'.

דער נאמען "סאטמאר" וועט, מיט די הילף פון השי"ת פארבלייבן א יסוד, א פעסטונג פאר אידישקייט, וואס וועט באלייכטן טויזנטער אידישע הייזער דעם אמת'דיגן אומגעפעלשטן וועג פון תורה, עבודה און גמילות חסדים, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה דורך משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

## צדקת רבינו

**איינמאל איז דער רבי געגאנגען צום ספרים געשעפט און ער האט געבעטן רשות פון דער מוכר אויב ער לאזט איהם קוקן אין א ספר, אזוי איז ער ארויף געקראכן אויף די לייטער און געלערנט ביז ער האט זיך דערמאנט אז ער איז אזוי הויעך, די מענטשן וואס פלעגן אריינקומען האבן זיך געוואונדערט און זיי האבן געשריגן ער זאל אראפ גיין פון די לייטער אבער דער רבי איז געווען פארטיפט אין לערנען – אזוי ווייט איז געווען זיין התמדה אין לערנען.**

## די מלחמה יארן

סוף זומער אין יאר תרצ"ט האט אויסגעבראכן די צווייטע וועלט מלחמה, היטלער = דייטשלאנד אנטקעגן פוילן, דער רשע און אכזר, דער בלוט - דורשטיגער חי' רעה, האט איינגענומען איין מדינה נאך די אנדערע, קודם אן א מלחמה נאר סתם אזוי אריינמארשירט, דערנאך האט מען זיך אקעגן געשטעלט, האט ער מלחמה געהאלטן, און ער האט ליידער געהאט אן אויסער געווענליכע הצלחה.

אזוי ווי נמרוד הרשע, און פרעה מלך מצרים, אזוי ווי סיסרא מלך יבין און סנחרב מלך אשור, האבן געהאט איבערנאטורליכע הצלחות, געזיגט מלחמות, און געווארן גרויס.

פונקט אזוי ווי נבוכדנאצר מלך בבל און טיטוס הרשע האבן מצליח געווען מיט'ן חרוב מאכן און פארברענען דאס ערשטע און צווייטע בית המקדש, און פארטרייבן אידישע קינדער אין גלות אריין, ביז צום היינטיגן טאג.

פונקט אזוי האט בעוונותינו הרבים, אויך דער צורר היהודים היטלער ימח שמו דער פירער פון דייטשלאנד, אויך מצליח געווען איינצונעמען כמעט גאנץ אייראפע.

וואו ער איז נאר אריינגעקומען מיט זיינע סאלדאטן, איז געווארן חושך ואפילה, פינסטער און ביטער פאר אידן, צרות יגון ואנחה, פאר אלע אידישע איינוואוינער פון דעם לאנד וואס ער האט אריינגעטראטן.

רבינו הגדול זי"ע האט אין די מלחמה צייטן געהאלפן אידן, געטרייסט אידן, עצות געגעבן פאר אידן, מחזק געווען אידן, מען זאל זיך נישט פארלירן נאר בעטן און האפן צו השי"ת, וואס איז שומע תפלת כל פה, און אזוי האט דער רבי געהאלפן ראטעווען, מציל זיין אן א שיעור אידן און גאנצע משפחות פון אונטערגאנג, ווי מען האט נאר געקענט, ווען מען האט נאר געקענט האט מען מציל געווען, געגעבן אן עצה, צו פראבירן ניצול צו ווערן פון די רשעים הארורים.

אבער ליידער די עבירות פון דור האבן גורם געווען די הצלחה פון דעם צורר היהודים (ווי עס שטייט אין ספר ויואל משה חלק א' אנפאנג ספר) און במשך די טרויעריגע מלחמה יארן האט דאס כלל ישראל געליטן א גרויסן חורבן, 6 מיליאן אידן זענען בעוונותינו הרבים אומבגעברענגט געווארן אויף קידוש השם, דורך די דייטשע רשעים און זייערע מיטהעלפער.

**מתמיד עצום**

**איינמאל ביינאכט האט די מאמע פון רבי'ן זי"ע געזאגט פאר'ן קדושת יום טוב זי"ע ס'איז שוין באלד 12 אזייגער ביינאכט און אונזער יואלי'של איז נישט אין בעט, דער רבי איז דעמאלטס געווען 6 יאר, האט דער קדושת יום טוב געענטפערט מיט וואונדער, וואס הייסט, איך האב איהם געזעהן אריין גיין אין צימער, זענען זיי צוזאמען אריין געגאנגען נאכאמאל קוקן האבן זיי איהם געטראפן אין א זייט זיצן מיט א לעכט לערנען פארטיפט אין א גמרא.**

דער מדרש זאגט, ווען השי"ת האט באשאפן דעם "אייזן" האבן אלע ביימער אנגעפאנגען צו ציטערן, וואס וועט זיין מיט אונז, די האק וואס איז געמאכט פון אייזן, וועט אונז אויסהאקן און פארניכטן.

האט דער אייזן געענטפערט, איר האט פאר מיר גארנישט וואס מורא צו האבן, אן דעם הילף פון "אייך" קען איך גארנישט טאן, ווילאנג די ביימער געבן נישט א שטיק האלץ פאר א אנכאפער, קען די האק נישט האקן.

אזוי אויך ביי אלע אידישע צרות ר"ל, ווען נישט די מתיוונים וואס שטאמען נעבעם פון אונז אידן, וואלטן די יוונים, דער מלכות יון הרשעה קיינמאל נישט געקענט טאן מיט אונז וואס זיי האבן ליידער יא געטאן, ווען נישט די הילף פון די ציונים וואס שטאמען נעבעך פון אונז, וואלט דער צורר היהודים היטלער ימח שמו וזכרו, מיט זיין ארמיי, קיינמאל נישט געקענט אזא גרויסן חורבן ברענגען אויפ'ן כלל ישראל, אזוי ווי דער נביא זאגט מהרסיך ומחריביך ממך יצאו (עיין על הגאולה ועל התמורה וספר מן המצר)

## אין געטא און אין לאגער

אין יאר תש"ד נאך פורים, האבן זיך שווערע וואלקענעס פארשפרייט איבער אונגארן, און די אלע אידן פון די שטעט זענען ליידער אריינגעפאלן אין דעם גרויסן פינסטערניש, אין די דייטשע הענט, ווען דער צורר היהודים, היטלער ימח שמו וזכרו, האט געזעען אז זיין מפלה איז גאר נאנט, האט ער געוואלט כאפן וואס עס לאזט זיך, און בעוונותינו הרבים איז אים געלונגען, אין די לעצטע מינוטן האט ער דערכאפט כמעט אלע אידן פון אונגארן, נאנט צו א מיליאן אידן אנשים נשים וטף.

בליץ שנעל האט זיך פארשפרייט די ידיעה די דייטשע ארמיי האט אריינמארשירט און באזעצט גאנץ אונגארן, שוין האבן זיך אנגעפאנגען די אכזריות'דיגע געזעצן א איד טאר נישט ... גארנישט, נישט גיין אויף דער גאס, נישט ארבעטן, נישט פירן קיין געשעפטן, נישט האבן קיין פרנסה, אויך נישט א מעגליכקייט איינצוקויפן, און אוודאי נישט קיין טעלעפאן, און נאך...

די "געלע שטערנס" האט מען געמוזט אנטאן, מען האט צוזאמגענומען די אידן אין געטאס, צוזאמגעשטופט א פאר משפחות אין איין שטוב, דער צוועק איז געווען באוואוסט, אזוי ווי אין פוילן, סלאוואקיי, עסטרייך און דייטשלאנד, פראנקרייך, בעלגיע און האלאנד, אוקריינע און ליטע,

און אלע אנדערע לענדער וואו דער רשע, דער צורר היהודים האט באזעצט, האט מען דורכגעפירט די גזירה פון המן הרשע האגגי צורר היהודים להשמיד להרוג ולאבד, מנער ועד זקן, אנשים ונשים וטף, ולא יזכר שם ישראל עוד ח"ו.

יעדער ווער עס האט געקענט, אדער געהאט די מעגליכקייט צו אנטלויפן, האט פראבירט, כל מה שיש לו יתן בעד נפשו, וואס טוט דען נישט א מענטש צו ראטעווען זיך דאס לעבן, ער טוט אלעס וואס ער קען נאר.

אזוי אויך איז דער רבי זי"ע אנטלאפן פון סאטמאר אינמיטן די נאכט אין די באגלייטונג פון די רביצין, און דער געטרייער משמש בקודש ר' יוסף אשכנזי מיטן פלאן אריבער צו גיין די גרעניץ אויף רומעניע.

דער נביא ישעי' זאגט אבער, כי לא מחשבותי מחשבותיכם וגו' נאום ה', השי"ת האט פיל בעסערע עצות ווי אזוי מציל צו זיין א צדיק אמת, איז טאקע דא אויך דער רצון השי"ת אנדערש געווען, מען האט זיי געכאפט און איינגעשפארט אין תפיסה, אין די שטאט קלויזנבורג, דערנאך אין געטא.

מען איז געווען אין די הענט פון די רשעים רוצחים, אכזרים, עס האבן זיך געצויגן די טעג, וואכן, און חדשים מיט פחדים נוראים, מיט אימת מות, מען האט ארומגעוואנדערט איבער שטעט און לענדער, ביז מען איז אנגעקומען אויף דייטשלאנד אין לאגער בערגן - בעלזן, י"ח תמוז תש"ד.

פונקטליך פינף חדשים פון טאג צו טאג, איז מען געווען אין דעם לאגער ביז י"ח כסלו תש"ה.

פון איין זייט איז דאס געווען פינסטערע, ביטערע טעג פול מיט צרות יגון ואנחה, פייניגונגען מיט אוממענטשליכע כוחות.

פון די אנדערע זייט אבער האט מען געזען די גרויסע נפלאות הבורא, דאס גרויסקייט פון אונזער גרויסן באשעפער, די געוואלדיגע השגחה עליונה יעדע מינוט און יעדע רגע, אין

## הכרת הטוב

**הרה"ח ר' יוסף לייב ווערצבערגער ז"ל פון קראלי האט געהאט אן אויסערגעווענליכע התקשרות און התבטלות צום רבי'ן זי"ע ווען די רעביצין הרבנית הצדיקת מרת חוה ע"ה (דעם רבינ'ס ערשטע רעביצין) איז נישט געזונט געווען פלעגט די פרוי פון ר' יוסף לייב ע"ה זיך זייער אסאך אפגעבן מיט איר, זי פלעגט אריבער קומען פון קראלי קיין סאטמאר און פארברענגען טעג און וואכן ארויס צו העלפן און מאכן גרינגער פאר די רעביצין ע"ה ביז איהר לעצטן טאג, דער רבי פלעגט צוליב דעם פיל מכיר טובה זיין פאר אירע קינדער, און ווען דער רבי ז"ל איז געווען די ערשטע יארן אין אמעריקא פלעגט דער רבי מכבד זיין די קינדער מיט זינגען הללויה אודה וגו' ביי של סעודות און דער רבי זי"ע פלעגט דערמאנען דעם נאמען פון זיין טאטן ר' יוסף לייב ז"ל כדי צו דערמאנען דאס וואס זיין טאטע האט איהם א טובה געטוהן.**

גרעסטן ברען פון פייער, נישט אפגעבריט צו ווערן, צו זיין אין לייבן מויל, און נישט געשעדיגט צו ווערן, קיין שום מענטשליכע האנט קען אהין נישט גרייכן, און קיין שום דרך הטבע'דיגער כח קען דאס נישט באוויזן.

נאר דער גרויסער באשעפער פון דער וועלט, ווער עס האט מציל געווען חנני' מישאל ועזרי' פון קאלך אויוון, ווער עס האט מציל געווען דניאל'ן פון לייבן גרוב, און געהאלפן, געשיצט, און מציל געווען אלע אנדערע צדיקים, אט דער זעלבער באשעפער האט מציל געווען דעם צדיק אמת שפעולתו אמת, ווער עס האט אייביג אין זיין לעבן געדינט השי"ת מיט אמת, רבינו הגדול והקדוש זי"ע.

אפילו די דיוקנא קדישא, די הייליגע בארד און פיאות איז אים נישט באריערט געווארן, און אפילו די קליידער נישט געענדערט [די

## צדיק גוזר והקב"ה מקיים

איינמאל איז געווען א תלמיד פון דעם רבי'ן ז"ל וואס האט געהייסן הרב וועבער, זיין קינד איז פלוצלינג זייער שטארק קראנק געווארן מ'איז געלאפן רופן די דאקטורים, די דאקטורים האבן נישט געקענט העלפן, האט מען געלאזט רופן די הויפט דאקטער, די הויפט דאקטער האט געזאגט אז דאס קינד וועט נישט קענען לעבן מער ווי אפאר טעג רח"ל, ווען דער טאטע הרב וועבער האט דאס געהערט האט ער אויפגעהויבן די הענט צום טאטן אין הימל און געבעטן א הייסע תפילה פון באשעפער, אויף די רפואה פאר זיין קינד, ער האט זיך פלוצלינג דערמאנט אז ער האט א רבי וואס פועל'ט אויס ישועות איז ער גלייך ארובער געלאפן צום רבי'ן און פונקט דעמאלטס האט דער רבי געהאלטן אינמיטן פארלערנען א שיעור, נאך א קורצע צייט וואס ער שטייט מיט א צובראכן הארץ האט דער רבי ז"ל אויפגעהויבן זיינע אויגן און דער רבי ז"ל האט איהם געפרעגט וואס ער וויל, האט ער פארציילט זיין צרה אז זיין קינד איז זייער קראנק און וואלגערט זיך צווישן לעבן און טויט, האט דער רבי ז"ל זיך צושמייכלט און געזאגט: "ס'איז נאר א פארקילעכטס", האט דער איד זיך זייער געוואונדערט צו זיך, ווי אזוי קען עס זיין? אלע דאקטורים זאגן אז ער קען נישט לעבן מער ווי א טאג צוויי, האט איהם דער רבי נאכאמאל געענטפערט: "ס'איז נאר א פארקילעכטס", און דער רבי האט איהם געוואונטשן אז עס וועט אלעס זיין אין ארדענונג.

דער איד איז אהיים געקומען און האט געזעהן זיין קינד פילט זיך נאך אלץ נישט גוט, ער האט יך אראפ געלייגט שלאפן מיט אמונה און בטחון אזוי ווי עס שטייט אין גמרא צדיק גוזר והקב"ה מקיים.

צופרי איז די קינד אויפגעשטאנען, די דאקטורים זענען אריין געקומען אין צימער און געזעהן א געזונטע קינד, האט ער פאר זיי דערציילט: מיין רבי האט מיר נעכטן געוואונטשן אז עס וועט זיין אלעס אין ארדענונג, און יעצט צופרי איז דאס קינד אויפגעשטאנען געזונט און פריש.

באוואוסטע קליידער וואס אלע מענטשן אין לאגער האבן געמוזט אנטאן, האט נישט מחייב געווען דעם רבי'ן זי"ע].

## כ"א כסלו תש"ה

ענדליך י"ח כסלו תש"ה איז מען ארויסגעפארן מיטן באן פון בערגן-בעלזן נאך דריי טעג פארן איז מען אנגעקומען אין דעם באוואוסטן טאג כ"א כסלו תש"ה צו די שווייצער גרעניץ.

אין דעם טאג כ"א כסלו ה' אלפים תש"ה 2 אזייגער ביינאכט נאך חצות, איז געווען די מזל'דיגע שעה, דער עת רחמים ורצון, ווען דער באן איז אריבער די גרעניץ פון דייטשלאנד אויף שווייץ, און רבינו הקדוש זי"ע, מיט א טראנספארט אידן אינאיינעם, זענען ניצול געווארן ממות לחיים, מאפילה לאורה, מצרה לרוחה, השי"ת מיט זיינע גרויסע חסדים האט אויסגעלייזט דעם צדיק אמת פון טויט צום לעבן, פון פינסטערניש צו ליכטיגקייט, און פון צרות און ענגעשאפט, צו א פריי נארמאל לעבן מיט הרחבת הדעת.

אט אין די שווערע צייטן האט השי"ת ברוב רחמיו וחסדיו איבערגלאזט פאר די וועלט דעם "רעיא מהימנא" געטרייען פאסטוך פון כלל ישראל כ"ק רבינו זי"ע, וואס איז אין דעם טאג כ"א כסלו תש"ה באפרייט געווארן פון די דייטשע רשעים דורך נפלאות הבורא, מיט פלאי פלאים נסים ונפלאות.

* * *

יעדעס יאר אין דעם טאג כ"א כסלו, פלעגט רבינו הגדול זי"ע אריינצוקומען אין בית

### כבוד הבריות

**אמאל איז געקומען א בריסקער ירושלימ'ער איד צום רבי'ן ז"ל אויפן סדר נאכט, דער איד איז געווען א גרויסער מדקדק, און ביי יעדע זאך האט ער געפרעגט דעם רבי'ן צי עס איז געווען די שיעור, ביי די ארבע כוסות האט ער געפרעגט צו עס איז א רביעית, אזוי אויך ביי יעדע זאך, ווען מען איז אנגעקומען צו די מרור האט דער רבי ז"ל גענומען א גרויסע שטיק מרור און געפרעגט בדרך צחות דעם איד "דאס האט יא די שיעור? אלע ארומיגע האבן זיך צולאכט, און דער איד האט זיך באליידיגט, האט ער צוריק געזאגט פאר'ן רבי'ן "טשעפען האט אויך א שיעור", דער רבי האט געזעהן אז דער איד איז געטשעפעט געווארן, האט איהם דער רבי געפרעגט פארוואס איז ער דא געקומען, האט ער איהם געענטפערט, ווייל ער דארף חתונה מאכן א קינד, האט איהם דער רבי געפרעגט וויפיל געלט קאסט איהם די חתונה, האט ער געזאגט די סכום בערך וויפיל עס קאסט, דער רבי האט איהם געגעבן די סכום און געבעטן ער זאל איהם צוזאגן אז ער איז איהם מוחל בלב שלם, דער איד האט איהם מוחל געווען, און דער רבי האט איהם געזאגט אז ווען ער וועט חתונה מאכן זיינע קינדער זאל ער קומען צו איהם און אזוי איז טאקע געווען, און אלע מאל ווען ער האט חתונה געמאכט האט איהם דער רבי אויסגעצאלט די גאנצע הוצאות החתונה.**

המדרש צו לויבן השי"ת בקהל עם ועדה אויף זיינע גרויסע חסדים, נסים ונפלאות, כי שיבר דלתות נחושת ובריחי ברזל גדע.

ביי די סעודה זענען זיך צוזאמענגעקומען רבנים, ערליכע אידן, חסידים ואנשי מעשה, אנשים נשים וטף, און געסט פון דער גארער וועלט.

דעם באוואוסטן ניגון אויפ'ן פסוק חסדי ה' כי לא תמנו און בך בטחו אבותינו, מיט אנדערע שירות ותשבחות פאר השי"ת, האט מען געזינגען ביז אין די שפעטע שעות פון די נאכט.

אין אנפאנג נאך די מלחמה האט זיך דער רבי זי"ע אויפגעהאלטן אין די שטאט גענף (שווייץ) פון כ"א כסלו ביז סוף זומער, און דערנאך אין חדש אלול שנת תש"ה איז ער געפארן זיך באזעצן אין ירושלים עיה"ק.

אין ירושלים האט דער רבי זי"ע אויך אנגעהויבן מחזק צו זיין די צעבראכענע אידן וואס זענען ארויסגעקומען פון די לאגערן, דער רבי זי"ע האט אסאך זיי אויסגעהאלטן כדי זיי זאלן נישט מיטגעריסן ווערן מיט די פושעי ישראל די ציונים וואס זיי האבן געזוכט אריינצוכאפן אין זייער נעץ פארפלאגטע מענטשן, דער רבי זי"ע האט אויך אויפגעשטעלט א ישיבה פאר די איבערגעליבענע קינדער און בחורים וואס זענען אנגעקומען פון די לאגערן, פון די אונטערנעמונגען און דעם שווערן עול וואס ער האט גענומען אויף זיך איז רבינו הק' געווארן א גרויסער בעל

## אהבת ישראל

איינמאל איז אריין געקומען צום רבי'ן ז"ל א איד, און זיך אפגערעדט אז ער האט אסאך צרות, ער האט נישט גענוג געלט צו באצאלן פאר די דאקטורים, און דער רבי איז געווארן זייער צובראכן, האט דער רבי געגעבן א שאר אראפ אלע געלט וואס איז געווען אויפן טיש, דער איד האט דאס גענומען און איז ארויס, ווי נאר דער איד איז ארויס, קומט דער גבאי אריין און זאגט פאר'ן רבי'ן אז דער איד איז אין גאר א פיינעם צושטאנד און ער דארף נישט קיין געלט, האט דער רבי אויפגעשיינט און געזאגט, "ברוך השם אז דער איד האט נישט קיין צרות".

פון דא קען מען זעהן די גרויסקייט פונעם רבי'ן, אז אנשטאט ער זאל צוריק רופן דעם איד און איהם אנשרייען, האט ער זיך געפרייט אז עס איז נאר סתם און נישט אמת.

שמעון דאסקאל

## מדת הזהרו בכבוד חבירכם

ס'איז אמאל געווען ערב יום כיפור פאר כל נדרי איז דער רבי צוגעגאנגען אין ביהמ"ד צו א חשובער רב וואס ער האט געהאט מיט איהם אינמיטן יאר א וויכוח אין א הלכה ענין און דער רבי האט געהאלטן אז ס'קען אפשר זיין א דער רב האט עפעס אן הקפדה אויף איהם, האט איהם דער רבי געזאגט אז ער וויל איהם מפייס זיין איבער יענעם ענין וואס זיי האבן געהאט א וויכוח אינמיטן יאר ווייל ס'קען אפשר זיין אז אינמיטן גרויסן וויכוח האט ער אפשר גערעדט שארף נישט ווי עס פאסט זיך לפי כבודו.

חוב אזוי אז ער האט געדארפט ארויס פארן קיין אמעריקא אויף א קורצע צייט צוזמאשטעלן געלט כדיער זאל קענען אנגיין מיט די געוואלדיגע הייליגע ארבעט אין ירושלים.
ראש השנה אין יאר תש"ז איז די שיף אנגעקומען קיין ניו יארק, דער רבי זי"ע איז געבליבןווארטן אין די שיף ביז נאך יום טוב, די שמחה איז געווען אויסער געווענליך גרויס מקבל פנים צו זיין דעם צדיק וקדוש אבוהון ורבן של ישראל, מוצאי יום טוב ראש השנה איז רבינו זי"ע אנגעקומען אויף וויליאמסבורג דאס ערשטע מאל, און בהשגחה פרטית איז צוגעפירט געווארן אז רבינו ז"ל איז שוין נישט צוריקגעפארן קיין ארץ ישראל, נאר ער איז פארבליבן וואוינען אין אמעריקא.

## צופה נסתרות

**א איד האט געארבעט ביי א געוויסע פלאץ וואס מען האט דארט נישט געגליכן דעם רבי'ן, און ווען דער רבי ז"ל איז געקומען קין רושלים, האט ער געוואלט פרעגן א שאלה אויב ער זאל דארט בלייבן ווייטער ארבעטן, האט ער געטראט אז די בעסטע צייט איז פרייטאג נאכמיטאג, עס איז געווארן פרייטאג נאכמיטאג און ער האט געוואלט אריינגיין פרעגן, האט איהם דער רבי ז"ל געזאגט אז יעצט קען ער נישט, ווייל ער דארף זיך צוגרייטן צום הייליגן שבת, און דערביי האט איהם דער רבי אנגעוואונטשן אז ער זאל ווייטער ארבעטן דארט וי ער האט געארבעט ביז יעצט.**

**פון די מעשה קען מען זעהן די גרויסקייט און די ווייטע אויגן פונעם רבי'ן ז"ל אז נאך פאר דער איד האט אנגעיאגט צו פרעגן די שאלה האט איהם שוין דער רבי געענטפערט.**

## מלחמה קעגן די ציונים

אין די שווערע צייטן פון די מלחמה און נאך די מלחמה יארן, האבן די רשעים די ציוניסטן וואס האבן אראפגעווארפן פון זיך דעם עול, דעם יאך פון די תורה און די מצוות און איבערהויפט צו לייקענען אין ביאת המשיח, אויסגענוצט די געלעגנהייט צו מאכן א אידישע מדינה, וואס דאס איז זייער א גרויסע איסור על פי תורה און אויך א גרויסע סכנה פאר'ן כלל ישראל, אין די שווערע צייטן איז פאר זיי געלונגען דורכצופירן פארן זייער הויפט ציל, און אין יאר תש"ח איז ליידער געלונגען פאר די רשעים און אפיקורסים, די ציונים האבן אויסגעפירט זייער פינסטערן פלאן און האבן איינגענומען דאס הייליגע לאנד ארץ ישראל און אויפגעשטעלט דארט אן אייגענע מדינה, וואס דאס איז כפירה אין ביאת המשיח און אין די הייליגע תורה.
א גרויסער טייל אידן וואס זענען געווען צעבראכן פון דעם גרויסן חורבן וואס היטלער הרשע דער צורר היהודים ימ"ש האט געמאכט, זענען ליידער פארנארט און מיטגעריסן געווארן מיט'ן שטראם פון די גאס, זעענדיג אז עס איז געווארן א "אידישע" מדינה.

אט אין די שרעקליכע צייט האט דער רבי זי"ע אויסגעשריגן אז מען זאל וויסן אז דאס איז נישט קיין גאולה ח"ו נאר א גרויסער חורבן און א פרישער גלות, רבינו זי"ע פלעגט צו זאגן אז דער חורבן פון הקמת המדינה איז א גרעסערער חורבן פונעם חורבן בית המקדש, ווייל ביים חורבן בית המקדש זענען נאר פארלוירן געווארן אידישע "גופים" קערפערס, אבער די ציוניסטישע מדינה האט אוועקגעריסן די "נשמות" פון פילע טויזנטער אידישע קינדער פון תורה און אמונה, און זיי ערצויגן אלס פושעי ישראל, רשעים, כופרים, און שונאי הדת, און אומסגע'שמד'ט א גרויסן טייל פון כלל ישראל.

רבינו זי"ע האט ביי יעדע געלעגנהייט און יעדע וואך ביי די שלש סעודות תורות ארומגערעדט וועגן די שרעקליכע סכנה פון די ציונים, א גרויסע טייל דערפון איז אפגעדרוקט געווארן גלייך אין די קונטרסים "חידושי תורה" און "דברי יואל".

אין יאר תש"כ איז ארויסגעקומען דאס הייליגע ספר "ויואל משה" און אין יאר תשכ"ז איז ארויסגעקומען דער קונטרס "על הגאולה ועל התמורה" אין די ספרים האט רבינו זי"ע געשריבן און מברר געווען קלאר די הלכה לויט ש"ס און פוסקים פון דעם גרויסן איסור פאר אידן זיך אליין צו באפרייען פון גלות און אויפשטעלן א אידישע רעגירונג און א מלוכה פאר די צייט וואס השי"ת וועט אונז ווען אויסלייזן דורך משיח צדקינו, אזוי אויך די הלכה אז מען טאר נישט האבן קיין שום שייכות מיט זיי און נישט גלייבן אין זייערע פאלשע נסים, נישט געבן זיי קיין שום געלט אדער אנדערע שטיצע, און נישט נעמען פון זיי קיין שום געלט אדער אנדערע טובות אדער שטיצע.

רבינו הקדוש זי"ע שרייבט אין די הקדמה פון ספר ויואל משה, אז אפילו דאס ספר זאל האבן גענוצט נאר פאר איין איד, האט זיך געלוינט די גאנצע טרחה.

האט השי"ת טאקע וואנודערליך געהאלפן פלאי פלאים וואונדער איבער וואונדער, נישט בלויז פאר איין איד האט דאס גענוצט, נאר דער צדיק אמת האט געווינען דימלחמה און געראטעוועט דאס גאנצע דור.

## צדקה בדרן כבוד

**די מאמע פונעם רבי'ן ז"ל האט איהם געקויפט זייער א טייערע און שיינע אייוון אז ער זאל קענען גרינגער לערנען, און ווען דער רבי האט זיך דערוואוסט אז עפעס א משפחה האט געבוירן א קינד און זיי זענען זייער ארעם זיי זענען יתומים, האט ער אוועק געגעבן די אייוון פאר די משפחה אז עס זאל זיי זיין גרינגער און האט פאר קיינעם נישט דערציילט וואס ער האט געטוהן, איינמאל איז זיין מאמע געגאנגען באזוכן יענע ארימע משפחה האט זי זיך זייער געוואונדערט אז זיי האבן די זעלבע אייוון וואס זי האט געקויפט פאר'ן רבי'ן, האט יענע מאמע געזאגט אז טאקע דער רבי האט דאס זיי געגעבן.**

שלום יאזעוויטש

# שפתותיו דובבות

דער רבי זי"ע האט מחבר געווען די הייליגע ספרים 1) ויואל משה 2) על הגאולה ועל התמורה 3) דברי יואל על התורה ומועדים 4) שאלות ותשובות דברי יואל, און נאך פילע ספרים און קונטרסים וואס זענען שוין ארויסגעקומען.

**1) ויואל משה:**

דאס ספר ויואל משה האט דריי חלקים אין וועלכן עס ווערט אויפגעקלערט דער ריכטיגער דעת תורה וועגן דעם ענין פון ארץ ישראל, און די גאולה שלימה דורך משיח צדקינו, און דאס גרויסע שעדליכקייט פון ציונות וואס עס דערווייטערט פון די ריינע אמונה אין השי"ת און פון די תורה הקדושה, און נישט צו האבן קיין שום שייכות מיט זיי, און מיט אלע זייערע אנהענגערס, דאס ספר ענטהאלט דריי חלקים:

## לא תגורו מפני איש

א חשובער מענטש פון די קהילה אין קראלי וועלכער איז געווען פון די וואס האבן אויפגענומען דעם רבי'ן אלץ רב, האט געהאט א דין תורה מיט א צווייטן ביים רבי'ן, נאכן אויסהערן די טענות פון די בעלי דינים האט דער רבי ארויס געגעבן זיין פסק וואס האט בארעכטיגט דעם צווייטן, און דער ערשטער האט פארשפילט די דין תורה, האט ער זיך אנגערופן מיט עזות און געזאגט צום רבי'ן, איך האב דעם רבי'ן געברענגט אהער אלס רב, און איך קען איהם אויך צוריק שיקן פון דא, האט איהם דער רבי געענטפערט "עס שטייט אז משיח צדקינו וועט קומען מיט א אייזל, אבער ער וועט נישט צוריק גיין מיט א אייזל"...

## איש חסיד היה

א חסיד פון רבי'ן פון שטאט סאטמאר האט מיט דער צייט ליידער געגומען אראפגיין אביסל פון זיין אידישן וועג, ער האט אפילו איבערגעטוישט זיינע אידישע קליידער און די חסידישע לבוש, און ער האט אפגעשוירן זיין בארד, נאך פיל יאהרן איז ער געקומען צום רבי'ן אין אמעריקא, האט איהם דער רבי געפרעגט ווער ביסטו, האט ער געענטפערט איך בין לייזער דעם רבינ'ס תלמיד פון סאטמאר, האט איהם דער רבי געפרעגט ווי אזוי ביסטו אזוי אנדערש געווארן, האט ער געענטפערט, דער רבי ווייסט דאך אז איך בין געפארן צו די מדינה פון די ציונים בין איך דארט קאליע געווארן, האט דער רבי געזאגט מיט א שמייכל "יעצט פארשטיי איך שוין וואס עס שטייט אין פסוק ובא לציון גואל, דער טייטש פון גואל איז אויס-לייזער, זעט אויס אז ווען מ'פארט קיין ציון – מיינט מען די ציונים – ווערט מען אויס לייזער" (דאס מיינט אז עס איז שוין נישט דער זעלבער לייזער ווי פארדעם), דער רבי האט איהם דאן פארבעטן צו בלייבן ביי איהם ביז נאך שבת אויף די סעודה פון מלוה מלכה, ביי די סעודה האט איהם דער רבי מכבד געווען צו זינגען דעם זמר איש חסיד היה" (מיינענדיג אז ער איז אמאל געווען א חסיד, האפנטליך אז ער וועט זיך נאך צוריק קערן צום אמאל), ווי פארשטענדליך איז דער איד צוריק צוגעצויגן געווארן צום רבי'ן.

חלק א׳, מאמר שלש שבועות. וואס השי״ת האט באשוואוירן אידישע קינדער, נישט צו פראבירן ארויסגיין פון גלות פאר די ריכטיגע צייט וואס עס וועט זיין דורך משיח צדקינו.

חלק ב׳, מאמר ישוב ארץ ישראל, ווען עס איז א מצוה און א חיוב צו וואוינען אין ארץ ישראל און ווען און ווער דארף נישט און טאר נישט וואוינען אין ארץ ישראל.

חלק ג׳, מאמר לשון הקודש, דאס הארבקייט פון רעדן די שפראך פון די ציונים ״עברית״ און אויך דאס חשיבות, און וויכטיגקייט פון חינוך הבנות בזמן הזה, על דרך ישראל סבא, און דאס חשיבות פון צו העלפן דערצו.

**2) קונטרס על הגאולה ועל התמורה:** אין וועלכן עס שטייט א קלארער דעת

## ״בסדר״ האט צוויי פשטים

א איד איז אמאל אריינגעקומען צום רבי׳ן, האט איהם דער רבי געפרעגט וואס מאכט איהר, האט ער געענטפערט, ברוך השם בסדר, בסדר? אין די נאכט פון סדר – האט דער רבי געזאגט – עסט מען מרור...

## חסידים הראשונים

דער רבי ז״ל האט אמאל געשיקט רופן דעם צעהלימער רב ר׳ לוי יצחק גרינוואלד זצ״ל ער זאל קומען מיטן רבי׳ן צוזאמען וועגן עפעס א עסקנות און א דבר מצוה און ער האט געזאגט דעם צעהלימער רב אז ער גייט ״שוין״ ארויס, אבער למעשה האט דער רבי ערשטאין א שעה ארום געקענט ארויסגיין, האט דער צעהלימער רב געפרעגט דעם רבי׳ן ז״ל: ״שוין – מיינט א שעה? האט דער רבי געענטפערט, אזוי שטייט דאך אין חז״ל חסידים הראשונים היו ״שוהין״ שעה אחת...

## רגל בפני עצמו

אין זיינע לעצטע יארן האט דער דאקטער געהייסן דעם רבי׳ן ער זאל לאזן רוהען זיינע פוס, און שמחת תורה איז דער דאקטער אריינגעקומען אין רבינ׳ס בית המדרש, האט ער געזעהן ווי דער רבי טאנצט מיט התלהבות פאר די תורה האט ער געפרעגט דעם רבי׳ן, איר מעגט דאך נישט טאנצן אויפן פוס, האט דער רבי געענטפערט ״עס שטייט אין גמרא אז שמיני עצרת איז א ״רגל בפני עצמו״...

## א ערליכער איד

עס איז אמאל אריינגעקומען א איד מיט זיין קינד וועלכער האט נאר געקענט רעדן אין עברית, האט דער רבי געזאגט צום קינד זאג מיר נאר טייער קינד ווי אזוי זאגט מען אין עברית ״א ערליכער איד!״, האט דאס קינד געענטפערט ״רבי, עס איז נישטא אזא זאך אין עברית״, האט דער רבי א שאקל געטוהן מיטן קאפ, און געזאגט: ריכטיג, האסטו געזאגט מיין קינד, עס איז ווירקליך נישטא אזא זאך אין עברית.

## מסירות נפש צו אפהיטן די תורה

איינמאל ווען דער רבי ז״ל איז געווען אין לאגער האט ער איינמאל געשפירט אז ער גייט חלש׳ן, און איינער פון די מקורבים פונעם רבי׳ן ז״ל איז געגאנגען זוכן עסן אז ער זאל זיך כאפן דאס הארץ, דער איד איז צוריק געקומען נאך א שטיק צייט מיט א שטיקל קארטאפל, האט דער רבי ז״ל – וואס האט שוין כמעט גע׳חלש׳ט – געפרעגט פאר יענעם איד פון וואו ער האט דאס, האט איהם דער איד געענטפערט אז ער האט דאס געברענגט פון א מענטש וואס וויל אז דער רבי זאל עס עסן, האט דער רבי דאס נישט געוואלט עסן ווייל ער האט געזאגט ״אז יענער איד געבט דאס אוועק נישט מיטן גאנצן הארצן ווי אזוי קען איך עס עסן״, ביז דער איד האט זיך געבעטן ביים רבי׳ן אז ער זאל עס מקבל זיין פון איהם, ערשט דעמאלטס האט עס דער רבי ז״ל געגעסן.

תורה נישט נתפעל צו ווערן פון די הצלחה און נצחונות פון די רשעים צו גלייבן אין די פאלשע הצלחה פון די ציונים נאך די מלחמה פון ששת הימים אין יאר תשכ״ז וואס פיל מענטשן זענען פארנארט געווארן פון די ציוניסטן, טייל האבן אפילו געזאגט אז עס איז געשען ניסים, איז כ״ק רבינו זי״ע ארויסגעקומען מיט דעם חיבור אויפצוקלערן די וועלט און עפענען די אויגן, מחזק זיין מען זאלן נישט נאכגעריסן ווערן פון די פאלשע מנהיגים וואס גלייבן אין די נסים פון די רשעים.

**3) דברי יואל על התורה ומועדים:**

דאס ספר איז צוזאמגעקליבן פון די הייליגע דרשות, דברי תורה וואס כ״ק רבינו זי״ע פלעגט צו זאגן יעדע וואך שבתים און ימים טובים ביי די הייליגע טישן פרייטאג צו נאכטס און ביי שלש סעודות און א טייל דערפון ביי די שבת מיטאג טישן שיינע פערלדיגע ווערטער, וואונדערליכע טייטשן און פשטים און מדרשים, דברי מוסר והתעוררות און התחזקות אויף די וואכעדיגע סדרה און אויף יעדן יום טוב.

**4) שאלות ותשובות דברי יואל:**

דאס ספר ענטהאלט אן אוצר פון איבער הונדערט תשובות, ענטפער אויף שאלות וואס כ״ק רבינו זי״ע איז געווארן אנגעפרעגט פון פארשידענע שואלים, אנפרעגערס, תלמידי חכמים און רבנים וואס האבן געהאט שווערע שאלות פלעגן זיי אנפרעגן פון כ״ק רבינו זי״ע זיין הייליגע מיינונג און סיי וועלכן דין פון די פיר חלקים פון שולחן ערוך.

כ״ק רבינו זי״ע, טראץ דעם וואס ער איז געווען שטענדיג שטארק פארנומען מיט זיין עבודת הקודש אנצופירן זיין אייגענע קהלה און די מוסדות החינוך, און מוסדות צדקה וחסד אויף וועלכן ארט עס זאל נאר זיין, האט ער זיך מיט גרויס מיה און שוועריגקייטן אוועקגעריסן פון די אלע טרדות און ער האט אליין געענטפערט פאר די אלע שואלים (אנפרעגערס) און מברר געווען די

הלכה לויט די ראשונים און אחרונים וועלכע האבן באלויכטן די וועלט מיט זייער תורה, און דערפון ארויסגעברענגט א קלאר דעת תורה אויף די היינטיגע צייטן.

פיל תשובות וואס דער רבי זי"ע האט געשריבן אין די יארן בעפאר די מלחמה זענען פארלוירן געווארן אין די שווערע צייטן פון די צרות אין די צווייטער וועלט מלחמה אבער די תשובות וועלכע זענען יא געבליבן אויף א וואונדערליכן אופן זענען אלע געדרוקט אין ספר שו"ת דברי יואל.

**השי"ת זאל העלפן אז רבינו הקדוש זאל טאקע זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו די ליכטיגע תקופה פון ביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א.**

## מעשה פלא

**גערוען איז א איד וואס האט געוואוינט אין קאנאדע, איין טאג איז צוגעקומען צו איהם א גוי און איהם פארגעשלאגן צו האנדלען מיט שווארצע געשעפטן, דער איד האט פארשטייט זיך נישט צוגעשטימט דערצו, צומארגנס קומט ווידער דער גוי און צווינגט איהם אז טאמער ער וועט איהם נישט געבן ביז מארגן א תשובה אז ער איז מסכים וועט איהם דאס קאסטן זיין לעבן.**

**דער איד – א פאברענטער סאטמארער חסיד פונעם הייליגן רבי'ן ז"ל – איז גלייך מיטן ערשטן פליגער אנטלאפן קיין אמעריקא צוזאמען מיט זיין גאנצן פארמעגן.**

**ביים רבי'ן אין ווארט צומער האט זיך די רייע געצויגן ביז צום טיהר, אזוי אז ער האט געהאט צייט צו שרייבן א קוויטל, און אט דערנענטערט זיך זיין רייע.**

**אריינקומענדיג צום רבי'ן ברעכט ער אויס אין א יאמערליך געוויין און דערציילט דעם רבי'ן זיין גאנצע געשיכטע, אזוי רעדנדיג נעמט ער ארויס דאס קוויטל און אויך זיין גאנצן פארמעגן וואס ער האט געהאט מיט זיך, דער רבי גיבט זיך א רוף אן: "געלט גיבט מען נאר ווען דער צדיק קען געבן א ישועה, און אצינד אז דורך מיר קען נישט קומען קיין הילף קען איך דאס נישט נעמען פון דיר, אבער ווען איך וועל וויסן אז די ישועה קען קומען וועל איך דאס קענען נעמען", ווען דער איד האט געהערט די רייד האט זיך זיין געוויין געשטארקט, אבער עס האט גארנישט געהאלפן, דער רבי האלט זיך ביי זיינס, זעהנדיג אז עס וועט איהם גארנישט העלפן דאס זיצן און וויינען איז ער ארויס פון רבי'ן מיט א שווער הארץ, ארויס גייענדיג פונעם חדר המיוחד דערמאנט ער זיך אינעם רבינ'ס ווייב – די רעבעצין – און האט טאקע געוואנדן זיינע טריט צום קאך, דארט האט ער דערזעהן די רעבעצין האלטן אינמיטן קאכן, און ער האט זיך אויסגעגאסן דאס הארץ פאר איהר, נאכ'ן זיך אויסרעדן האט ער געשפירט ווי א שטיין וואלגערט זיך אראפ פון זיין הארץ און אט אט גייט קומען די ישועה, די רעבעצין האט געבעטן פון איהם די סומע וואס ער האט געוואלט געבן פאר'ן רבי'ן און זי וואונטשט איהם הצלחה.**

**עס איז געווען אן איינגעפירטע זאך ביים רבי'ן אז יעדן טאג פאר'ן דאווענען פלעגט די רעביצין אריין קומען מיט א קאווע פאר'ן רבי'ן, דער רבי זאגט אפאר קאפיטלעך תהילים און גייט דאווענען, אזוי איז געווען אויך צומארגנס פון אונזער געשיכטע, די רעבעצין איז אריין צום רבי'ן מיט די געלט פונעם איד און פרעגט: "טייערער מאן, פארוואס האט איר דאס נישט געוואלט נעכטן אננעמען?", האט דער רבי איר געווינקען דאס אראפצולייגן אויפן טיש און זי איז ארויס.**

**עטליכע שעה נאכ'ן אנקומען קיין קאנאדע, באקומט דער איד א טעלעפאן פון א איד וואס האט באקומען די געלט פונעם רבי'ן פאר'ן חתונה מאכן זיין טאכטער: "א גרויסן יישר כח פאר די געלט וואס איר האט איבער געלאזט ביים רבי'ן, דורך דעם בין איך ארויס פון א טיפן בלאטע", נאכדעם האט ער געהערט אז דער גוי איז געשטארבן נעכטן ביי א עקסידענט.**

# אויסצוגן פון די הייליגע הקדמה פון
# כ"ק מרן רבינו הק' בעל ברך משה זי"ע
## אויף די ספה"ק שו"ת דברי יואל

לכבוד די יארצייט פון כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע וועלן מיר דא אראפברענגען שטיקלעך פון די הקדמה וואס כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זי"ע, האט געשריבן אויף די הייליגע ספר "שו"ת דברי יואל", פון זיין גרויסן פעטער רביה"ק זי"ע. פון די פלאמענדיגע ווערטער וואס זענען ארויס מעומק הלב, דערקענט זיך דאס התרגשות און התקשרות פון כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זי"ע צו כ"ק מרן רביה"ק זי"ע.

**י'שמחו** ה'לומדים ו'יגילו ה'מעיינים א'מרי ד'ודי נ'ר י'שראל י'ראו א'ור ה'דפוס ד'ורשי ו'מבקשי נ'תיבות ה'הלכה י'ראו א'ור ה'גנוז י'סוד ה'אמת.

**עס** איז א שטארק פרייליכער טאג, צוליב דאס וואס עס גייט ארויסקומען פון דרוק אין די עפנטליכקייט, די גרויסע הייליגע ספר פון מיין גרויסער און הייליגער פעטער, דער הייליגער גאון, די פראכט און שיינקייט פון אידנטהום, דער רשכבה"ג און געטליכער מענטש, זצוק"ל. אט די שריפטן, זענען וואס דער רבי האט צוריק געענטפערט פאר די וועלכע האבן אנגערופן אינעם "דבר ה' זו הלכה", וועלנדיג וויסן דאס ריכטיגע, און שווערע הלכות, און פון וועלכע מיר קענען זיך אויסלערנען אין זייער אסאך טיילן פון די הייליגע תורה די ריכטיגע וועגן. עס איז דערמיט ליכטיג געווארן די אויגן פאר אידישע קינדער, און עס איז ענטפלעקט געווארן די ליכטיגקייט און א גרויסע שיין פאר די אידישע וועלט.

**... דער** סדר פון די וועלכע גיבן ארויס ספרים פון זייערע עלטערן און זייערע רבנים, די צדיקים פון די פריערדיגע דורות, איז צו אנהייבן ביים אנפאנג ספר מיט באשרייבן די גרויסקייט פון זייער תורה, הייליגקייט און די קלוגשאפט פון דעם מחבר, כדי צו פארציילן פארן נייעם צוגעקומענעם דור, וואס דער צדיק האט אלס אויפגעטאן, אז זיי זאלן קענען ווערן אויפגעפלאמט נאכצוגיין אין זייערע הייליגע וועגן, און אויך אז מען זאל קענען איינהאלטן וואס ס'ווערט געברענגט אין חז"ל: "אז ווען מען זאגט נאך א זאך פון עמיצן זאל מען זיך פארשטעלן ווי אט דער, פון וועמען מען זאגט עס נאך, שטייט פאר זיינע אויגן".

**...אבער** מיט דעם אלעם איז זייער א שווערע זאך זיך אונטערצונעמען אט די ארבעט, וויבאלד דאס איז זייער א גרויסע, ווייל ווער איז דער וואס זאל קענען דערציילן זיין גרויסקייט און שטארקייט, דאס הימלישע לויטערקייט, זיין גרויסע כח התורה, אין פלפול און קלארע סברות, און אדורכטון די אלע זייטן פון די הלכה ביז עס איז ארויסגעקומען ריין און קלאר. ווי א הייליגע העלד אין די תורה–מלחמה, איז ער געווען, זייענדיג מיט א שטארקע האנט, און ווי א קוואל וואס שטראמט ארויס מיט קראפט, און ווי א טייך וואס ציט אן אויפהער, איז די הלכה פארפאסט געווארן. און ווער, אויב אזוי, איז דער מענטש וואס זאל זיך אונטערנעמען די דרייסטקייט עדות צו זאגן איבער די שטארקייט פון די זון?! עס איז דאך ברייט באוואוסט זיין טייערע שיינקייט, אט ער איז דאך דער מענטש וועלכער האט אויפגערודערט די גאנצע וועלט, און זיינע טייערע ווערטער זענען דערגאנגען איבעראל וואו דער באשעפער'ס רייד זענען געהערט געווארן, און פון די גאנצע וועלט האט מען אנגעשפיצט די אויערן, צו הערן וואס זיין הייליגער מיינונג איז, און איבער אלע שווערע זאכן האט מען געוואלט וויסן וואס ער האלט, אזוי ווי מען פרעגט אן דעם "אורים ותומים".

**צוליב** דעם אלעם ווערט מיין זעל אויפגעפלאמט, ווען די געדאנקען דערמאנען די פריער'דיגע יארן ווען דער רבי איז געזעסן אויף זיין קעניגליכן שטול, און איבעראל וואו ער איז נאר געגאנגען אין דער וועלט, האט ער געשיינט, יעדער האט געזען אז דער באשעפער איז מיט אים, און אן הימל'ישע ברכה גייט אריין אין זיין הייליגע ארבעט, וואס ער האט געטאן... און פון גאר פרי איז דאס געווען זיין איינציגע שטרעבן, גליסטעניש, און ציל: צו פארמערן תורה, הייליגקייט, און אין זיי איינווארצלען די פעסטע אמונה, אזוי, אז גארנישט אויף דער וועלט זאל עס קענען אוועקרירן. און ער האט געהאט הצלחה אין אט די הייליגע אויפגאבע, און מיט די הייליגע פלאמען, וועלכע האט געברענט אין זיין ריינע הארץ, האט ער אויפגעפלאמט אידישע הערצער און אריינגעשיינט א שטארקע ליכטיגקייט אין אידישע קינדער. זיינע הייליגע

ווערטער און זיינע רייד, ארויסקומענדיג פון א לויטערע הארץ, האט געשיינט זייער ווייט אוועק, און האט צוגעצויגן גאנצע סטאדעס וועלכע זענען געווען דורשטיג נאך דעם דבר ה׳. צווישן זיי טויזנטער ערליכע און באשיידענע תלמידים, אויסגעשפראכענע תלמידי חכמים און ״בני תורה״, רבנים, ראשי ישיבות, און דיינים, חסידים וועלכע דינען דעם אויבערשטן און זענען אנגעקניפט מיט זיין ליכטיגקייט, און וועלכע האבן געלערנט מיט אידישע קינדער ווייטער די תורה, וואו עס איז זיי נאר אויסגעקומען צו זיין אין די וועלט, און ווען זיי האבן אויפגעטוהן און איבערגעגעבן די תורה פאר אנדערע אידן, איז עס געווען די זכות און אין כח פון די ארבעט פון דעם ״צדיק יסוד עולם״, וואס זיין ליכט האט געשיינט זייער ווייט, איבער וואסערן אין ים׳ען.

**ביז** עס איז אנגעקומען דער געוואלדיגער בראך אויפן כלל ישראל, ווען דאס פייער האט פארלענדעט זעקס מיליאן אידישע קינדער, דערין זענען טויזנטער טייערע תלמידים, אלטע און יונגע. און אויף אן אויסטערלישן וועג, בדרך נס, איז מיין הייליגער פעטער זי״ע געראטעוועט געווארן פון דעם פינסטערן גרוב, ווען דער אויבערשטער האט זיך אויף אים דערבארעמט און אים ארויסגעשלעפט פון די איבערקערניש...

**...אין** אמת׳ן, ווער איז דער מענטש וואס קען זיך פארשטעלן און פארציילן, ווי אזוי עס איז דאן געווען דער נידעריגער מצב פון די אידן, וועלכע האבן יא איבערגעלעבט די גרויסע חורבן און זענען געראטעוועט געווארן פון דעם אויסגעשטערקטן שווערד, זיי זענען געווען פול מיט יאוש געפילן, צובראכן ווי שארבנס אויף שטיקער, די וועלט איז פאר זיי געווען שטארק פינסטער. אפילו דער רבי זי״ע, מיין הייליגער פעטער זעלבסט, איז אויך געווען זייער צובראכן, נאכדעם וואס ער האט צוגעזען מיט די אייגענע אויגן ווי עס ווערט פארלוירן פון דאס אידישע פאלק, אריינרעכענענדיג זיינע געטרייע תלמידים וואס זענען פארניכטעט געווארן אין גאז קאמערן און אין אנדערע פלעצער. זיין שטאט און ישיבה איז צושטערט געווארן, און ער איז איבערגעבליבן איינזאם און עלנד אין א פרעמדן לאנד, מיט דעם אלעם האט ער זיך אונטערגעגארטלט מיט א מורא׳דיגע שטארקייט, און האט אנגעהויבן אויפצובויען דאס חרוב געווארענע אידישקייט... דאן, אין יענע גאר שווערע צייטן, האט נאכאמאל אויפגעשיינט די זון פון דעם צדיק, כדי ער זאל באלייכטן די וועלט מיט זיין ערליכקייט און הייליגקייט, ווי חז״ל זאגן: ״וואויל איז פאר די צדיקים, נישט גענוג וואס זיי זענען זוכה, נאר זיי מאכן זוכה זיין זייערע קינדער און אייניקלעך ביז די ענדע פון אלע קומענדיגע דורות״, און דער רבי האט טאקע מזכה געווען דעם כלל ישראל, דורך זיינע מעכטיגע רוחניות׳דיגע קרעפטן און ער האט צוריק פון דאסניי אהערגעשטעלט דאס אינדנטוהם, ער האט זיי אויפגעהויבן פון די זומפן און זיי ארויסגעברענגט פון זייער רוחניות׳דיגער ארימקייט, און מיט א פאטער׳ליכע ליבשאפט האט ער געפירט די אידישע שעפעלעך, מיט דערבארעמקייט און מיטגעפיל האט ער אנטיילגענומען אין די צרות פון אידישע קינדער, ווען עס האט פאר עמיצן עפעס ווייי געטאן האט ער מיטגעוויטאגט און האט זיך פארלייגט אויסצובעטן פאר יענעם א ישועה״.

**...און** אזוי האבן מיר געזען ביי מיין הייליגן פעטער ז״ל, אז זיין גאנצע שטרעבן איז געווען צו פארמערן תורה און הייליגקייט ביי אידן, און ער האט זיך אוועקגעגעבן שטענדיג צו ציהען אידישע הערצער צום טאטן אין הימל, צו גרויסן און באשיינען זיין גרויסן נאמען אויף די גאנצע וועלט... די אלע טעג און נעכט האט זיך דער רבי נישט געהעריג אפגערוהט, דאס איז געווען זיין גאנצע שטרעבן, אויפצומאכן אידישע הערצער און אין זיי אריינבלאזן דעם הייליגן פונק, און איינפלאנצן אין זיי די פעסטע די ריכטיגע אור אלטע אמונה, אז מען זאל עס נישט קענען אוועקרירן. זיינע הייליגע רייד זענען שטענדיג געווען התעוררות ווערטער, ער האט זיך אויסגעגאסן זיין הייליגע הארץ ווי א וואסער קוואל, מיט זיינע טרערן וועלכע האבן געמאכט צוגיין אפילו א הארץ פון א שטיין, און האט אויסגעוואשן און אויסגערייניגט אידישע נשמות פון זייערע גרויסע פלעקן. ״ווער קען דען באשרייבן די טייכן טרערן וואס טויזנטער אידן האבן פארגאסן, ווען זיי האבן געהערט דעם רבי׳נס הייליגע שטימע, וועלכע איז געזאגט געווארן מיט אזא סארט צובראכנקייט, חרטה, הרהורי תשובה, ביים אויפוואכן אידישע קינדער, איבער די נידריגקייט פון דעם דור און אירע שטארקע און שמערצעליכע נסיונות?!.

**אין** די הייליגע ימים נוראים ווען ער האט זיך געשטעלט פארן באשעפער מיט די תפילות, און זיך אויסגעגאסן דאס הייליגע הארץ, זייענדיג מתפלל אויף רחמנות איבער אידישע קינדער, ווי א טייער קינד בעט זיך איין ביים טאטן. אין די פארכטיגע דרשות ״ראש השנה״, און ״יום הקדוש״, און ״הושענא רבא״, ווען ער האט אויסגעשווענקט און אויסגעוואשן מיט א שטארקע תשובה און צובראכנקייט, די הערצער פון וועלכע זענען געווען דארט, און האבן געוויינט פון אינערליכן געפיל. אין די ״שובבי״ם טעג״ ווען ער האט פארלענגערט די תורה ביי שלוש סעודות, וויי זיין הייליגער מנהג און די איינפירונג פון אונזערע עלטערן איז געווען, און האט מוסר געזאגט און אויפגעפאדערט דעם ציבור אז מען זאל

תשובה טאן אויף עבירות און אויף די זינד וואס האלט אפ משיח'ס קומען און אז מען זאל זיך פארנעמען צו פארבעסערן די מעשים און די מחשבה, און אזוי אויך האט ער געווארנט איבער די הארבקייט פון זיך מתחבר זיין מיט רשעים.

...**ביים** רבי'ן, דער הייליגער פעטער זי"ע, איז פארווירקליכט געווארן גענצליך די מצות תוכחה, זייענדיג דער אמת'ער אידישער פירער. און רעדנדיג פון מוסר זאגן וואס ער האט געזאגט די שטראף רייד מיט זיינע שטרענגע ווערטער, קומט ארויף אויפן מח דאס וואס ער האט זיך אוועקגעגעבן און נישט געקוקט אויף די סכנה וואס ער שטעלט זיך איין דאס הייליג לעבן, ווען ער האט געשטעלט א תורה'דיגע ווידערשטאנד אנטקעגן די מינות און כפירה'דיגע מדינה אין ארה"ק. פון דעם ערשטן טאג וואס די אידישע רשעים האבן זיך געשטארקט און געפאנגען אין זייער נעץ דאס מערהייט פונעם אינדנטוהם, טראצדעם, וואס אויך אסאך פון די פרומע, און צווישן זיי אפילו גרויסע און גוטע, האבן זיך באהאפטן צו די ציונים, מיט דעם אלעם, האט דער רבי נישט פארקוקט אויף קיינעם און זיך נישט אפגעשראקן פאר גארנישט, נאר געשטאנען אנטקעגן זיי פעלזן פעסט, און האט אויסגערופן "מי לד' אלי", און ערליכע אידן האבן זיך צונויפגעזאמלט ארום אים, זיין הארץ איז געווען צובראכן און צוקלאפט אויף פיין פיצלעך, ווען ער האט זיך דערזען מיט דעם שרעקליכן בראך, וואס די מדינה פון די אידישע כופרים האבן דערמיט געברענגט אויף כלל ישראל. טאג און נאכט האט ער נאכאנאנד געוויינט איבער די נייע בראך פון דעם אידישן פאלק, איינער אליין איז ער געבליבן פון די אנדערע ריזן און פריער'דיגע "גדולי הדור", וועלכע האבן פארפירט קעגן די פארשאלטענע ציונות'טישע כת. פון איין עק וועלט ביז צו די אנדערע האט דערגרייכט די ווידערשטאנד שטימע וואס האט געשטורעמט דעם באשעפער'ס צער, אנטקעגן די רעליגיעזע וועלכע האבן זיך ליידער פארקויפט פאר די ציונים...

...**די** פלאם פייער'דיגע ליבשאפט צו ארץ ישראל, האט געפלאקערט נאך פון זיין פרי'סטע יוגנט יארן, אין זיין הייליגע הארץ, און האט נישט געקענט דולדן אז עס זענען געקומען אזעלכע פרעמדע פערזאנען און האבן פאראומווירדיגט דעם נחלת ה'. אבער האנט ביי האנט מיט זיין פלאם פייער'דיגע הייליגע רייד וואס ער האט געזאגט, ווען ער האט געשטומעט איבער די ציונים, האט ער גלייכצייטיג מלמד זכות געווען פארן באשעפער, און ממליץ טוב געווען אויף די צובראכענע און פארוויטאגטע און שרעקליך דערשיטערטע כלל ישראל, וואס שטייען בעפאר גאר שווערע נסיונות...

**מען** קען נישט אפשאצן זיין גרויסע מסירות נפש פארן אויבערשטנס וועגן, ווען ער איז געשטאנען גענצליך איינער אליין, אנטקעגן די גאנצע אידישע וועלט און האט אנגענומען מיט ליבשאפט די אלע פיילן און שפיזן, און אסאך מאל איז ער געווען אין א ריכטיגע סכנה פון די ציוניסטישע סטראשונגען, וועלכע האבן אים אויך באשמוצט, אבער ער האט זיך נישט אפגעשראקן פון זיי. אט דאס אלעם איז געווען א קליינע טייל פון זיינע מעשים ווען ער איז געווען נאך מיט אונז אויף די וועלט, און איז געווען די אויגן און הארץ פון אידן, "און יעצט ווען דער רבי איז שוין מער נישטא מיט אונז, ער איז ארויפגעגאנגען אין הימל, און אונז איבערגעלאזט מיט פראבלעמען מיט שווערע נסיונות" בלייבט אונז נאר איבער זיך יעצט צו שטארקן מיט די ליכטיגקייט פון זיין שטראלנדיגע תורה, וועלכע ער האט אונז איבערגעלאזט פאר א ירושה, אונז צו לערנען אין וועלכע וועג מיר זאלן גיין.

**און** ווי שטארק געעהרט איז דער דאזיגער טאג, ווען דער ספר הקדוש "שו"ת דברי יואל" גייט ארויס פון דרוק, און עס וועט אנפולן די וועלט מיט תורה'דיגע וויסנשאפט. און וויסן ברויך מען, אז די תשובות און חידושי תורה וואס מיר פארמאגן, איז בלויז גאר א קליינער טייל, פון וואס דער רבי האט געהאט געשריבן און מחדש געווען, אויב וואלטן מיר דען זוכה געווען, וואלטן מיר געהאט אסאך–אסאך חידושים מער פון די טיפע תשובות און אויסטערלישע חידושים... און דאס ביסל וואס געפינט זיך יא ביי אונז אין די הענט, איז א טייל דערפון, וועלכע איז יא איבערגעבליבן פון וואס ער האט געהאט געשריבן בעפאר די קריג, און די איבעריגע, פון דאס וואס ער האט געענטפערט שוין נאך די מלחמה און חורבן, ווען עס איז אויפגעקומען זייער הארבע און קאמפליצירטע שאלות, און גדולי ישראל האבן דערין געהאנדלט, אזוי איז די אויגן פון אידישע קינדער געווען געווענדעט צום פעטער זי"ע.

...**מיר** האבן געזען וואונדערליכע זאכן, אין זיין מסירות נפש ביים לערנען תורה מיט זיינע באליבטע תלמידים, די טיפע שיעורים נאכאנאנד, פון יונגערהייט אנגעפאנגען ביז זייענדיג אין די שפעטערע יארן, האט ער געהאט א ישיבה וואו עס איז געווען דער סדר פון אונזערע עלטערן שוין פון דורי דורות, ווי מיין טאטע און מיין רבי הגאון הקדוש בעל "עצי חיים" זצוק"ל, און מיין זיידע הגאון הקדוש מרן בעל "קדושת יו"ט" זצוק"ל, און דער עלטער זיידע מרן הגאון הקדוש בעל "ייטב לב" זצוק"ל, און אזוי למעלה בקודש. דער צדיק האט אנגעהאלטן מיט זאגן די שיעורים מיט מסירות נפש, קיין שום זאך האט אים נישט אפגעהאלטן פון פארלערנען עטליכע מאל א וואך, און זיין הייליגער געשטאלט האט

געשטראלט און אויסגעדרוקט א שטארקע פרייד, ווען ער האט געלערנט אין די ישיבה, און די טייערע בחורים זענען געשטאנען און געזעסן אזוי אנגענעם ארום די טיש, און דער רבי האט געפרעגט און פארענטפערט מיט א געוואלדיגע טיפקייט און שארפקייט, און האט געזאגט וואונדער'ליכע חידושים און זייער שווערע סוגיות. עטליכע מאל האט ער געזאגט פאר זיינע נאנטע מענטשן, אז זיין איינציגע שמחה אויף די וועלט איז מיט זאגן שיעורים פאר זיינע תלמידים, וועלכע זענען געווען ביי אים ווי דאס שווארץ–אפל פון די אויגן, און קיין געלט אויף דער וועלט, איז נישט געווען ביי אים אזוי שאצבאר, ווי די געוואלדיגע רוחניות'דיגע פארגעניגן וועלכע ער האט געשעפט פון די ישיבה. אזוי אויך האט מען געקענט זען זיין פאטער'ליכן ליבשאפט יעדן "ליל שישי" ווען ער האט פארהערט די בחורים די שיעור פון די וואך.

**...טראץ** זיין גרויסע הארעוואניע איז ער כמעט נישט געשלאפן, מען קען נישט גענוג פארציילן די געוואלדיגע עבודה און די וואונדערליכקייט פון זיין תורה. א יעדער וואס איז נאר געקומען אין בארירונג מיטן רבי'ן, האט געמוזט מודה זיין אז דער איד איז נישט סתם א מענטש, נאר "א הייליגער מלאך אראפגעשיקט פון הימל"...

**און** אט אזוי איז עס צושטאנד געקומען, ווען ער האט געשריבן דאס וואס דער באשעפער האט אים געשאנקען, אין זיין הייליגע ספר "ויואל משה", וואו עס ווערט אראפגעברענגט און ערקלערט קלארע און אויסדרוק'ליכע הלכות, וועלכע איז זייער גוט ערקלערט, איבער די "שלש שבועות", און איבער די מצוה פון "ישוב ארץ ישראל", און איבער דאס ענין פון "לשון הקודש", און ס'זאל זיין אויך פאר די קומענדיגע דורות, זיי זאלן וויסן וועגן די וואס האבן זיך פארמאסטן צו פארדרייען דעם באשעפערס רייד, צו ווידערשפעניגן און אפלייקענען אין אלעם הייליגסטן, אונטער א שלייער פון מצות "ישוב ארץ ישראל"... און די זאכן האט געפלאקערט אין אים, ווייל ער האט געזען מיט זיינע הייליגע וייט–זעענדיגע אויגן די געפערליכע חורבן וואס וועט ווערן פון אידישן פאלק דורך די רשעים. טראץ זיין פארנומענקייט, האט ער ביי זיך באשלאסן, צו נעמען די פעדער אין די האנט און אויסקלארן שריפטליך די אלע אנגעלעגנהייטן, וואס ווערן פאראורזאכט, דורך די פלאנטער פון די שרעקליכע נסיון וואס דאס איז די ציוניזים. מיר דערמאנען זיך, דעמאלט'ס ווען ער האט געשריבן די אלע זאכן מיט די אייגענע הענט ביז אין די נאכט אריין, וואו ער פלעגט עס אדורכטראכטן מיט זיינע הייליגע געדאנקען און האט זיך פארצויגן ביז אזוי די פארטאגס שעה'ן... און זייער אסאך מאל ביים ענדיגן א קאפיטל אדער אן ענין אין אט דעם הייליגן ספר "ויואל משה", האט מען געקענט הערן א שטימע וואס קרעכצט און וויינט זיך אוים צום הייליגן באשעפער, און האט געענדיגט דעם מאמר מיט א געבעט אויף רחמי שמים, אז אידן זאלן שוין געהאלפן ווערן.

**צוליב** דעם, בנוגע דעם רבינס הייליגע ספרים, ברויך מען צו וויסן, אז די הייליגע ווערטער וואס דער רבי דער פעטער הגאון הקדוש זי"ע, האט אונז איבערגעלאזט צו באלייכטן אונזערע אויגן, אונז ארויסצונעמען פון פלאנטערניש אז מיר זאל קענען זיין ערליכע אידן, וועלכע זענען געווארן פארשריבן אין די הייליגע ספרים "ויואל משה, "דברי יואל" אויף די סדרות, אויף די סוגיות הש"ס, "שאלות ותשובות דברי יואל" אויף אלע פיר טיילן פון שו"ע, "חידושי תורה" אויף ימים טובים, דער קונטרס "על הגאולה ועל התמורה", און אזוי ווייטער, אז "אמת'ע תורה איז געווען אין זיין מויל און קיין אומרעכט האט זיך נישט געפינען אין זיין ליפן, ווייל ער איז געווען א מלאך ה' צבאות".

**פון** ווען דער רבי איז ארויף געגאנגען צום ליכטיגן גן–עדן, איז אונז שלעכט געווארן, און מיר האבן נישט געטראפן קיין רוה, ווייל עס זענען אויפגעשטאנען פרעמדע פארשוינען איינצושלינגען דאס רוחניות. אויפן אידישן פאלק לאקערן זיי נאכנאנד, און פלאנירן צו טאן שלעכט'ס, און מיר ברויכן זיך שטארקן אין די הייליגע תורות, און זיך שפייזן פון זיינע לויטערע ווערטער, און לערנען די הייליגע ספרים וועלכע באלייכטן די וועגן פאר די אלע וועלכע ווילן זיך האלטן צום הייליגן ליכטיגקייט, און זוכן צו וויסן די ליכטיגע וועג אין וועלכע צו גיין, נישט אפקערנדיג דערפון אין שלעכטע וועגן.

**אויך** אין די "חידושי הלכות" און שווערע "תשובות" וואס פאדערט טיפע טראכטונגען, זאלן מיר זיך פארטיפן און עס לערנען, כדי צו קענען עס איינהאלטן און טוהן, און דורך דעם זאל אויפגעוואכט ווערן דער זכות פונעם רבי'ן דער פעטער זכרונו לברכה.

**אזוי** אויך בעטן מיר דעם אויבערשטן, און עס איז אונזער האפענונג, אז אינעם זכות פון אונזער הייליגע תורה, זאלן מיר אלע געהאלפן ווערן, אז משיח זאל שנעל קומען אין אונזערע טעג, און אונז אויסלייזן פון פינסטערניש צו ליכטיגקייט, און עס זאל דערהויבן די כח התורה און פון כלל ישראל, און אונזערע אויגן זאלן זוכה זיין צו זען ווי ציון און ירושלים ווערט אויפגעבויעט, אמן.

# קלוגע ווערטער

**כ"ק מרן רביה"ק זי"ע, אויסער זיינע געוואלד'יגע השלמות אין אלע געביטן, איז ער צו דעם אויך געווען באשאנקען פון הימל מיט א געוואלדיגן כח החכמה, ער האט פארשטאנען יעדע זאך אדורך און אדורך, ווי אויך האט דער רבי געהאט א מורא'דיגן חוש צו קענען ענטפערן יעדנס פראגע אויפן פלאץ, מיט א טרעפליך "קלוג ווערטל", פון זיין מויל האט זיך געגאסן פערל רייד, און זיינע קלוגע ווערטלעך זענען געווען קלוג און שארף. אויפן רבינס ווערטלעך איז שטארק פאסיג דער מאמר חז"ל: "שיחות חולין של תלמידי חכמים צריכין לימוד", עפ"י רוב האט ער געענטפערט זיינע ווערטלעך מיט א פסוק אדער מאמר חז"ל, דער רבי ז"ע פלעגט זיך אויך זייער אסאך באנוצן מיט משלים, ער האט געהאט א געוואלד'יגן חוש צו זאגן טרעפליכע משלים, מיר וועלן דא פראבירן אראפצוברענגען עטליכע פון די ווערטלעך.**

## מצוה גוררת מצוה

הגה"צ ר' מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל, האט אמאל געוואלט מאכן אן אפיל לטובת זיין ישיבה, אין רבין'ס ביהמ"ד, האט ער דערציילט פארן רבי'ן, אז בעלי בתים האבן אים געזאגט ער זאל דאס מאכן דעם פאלגנדן שבת, וויבאלד ערשט פאריגע וואך איז געווען אן אפיל פאר אן אנדערן צדקה צוועק, וועט דער עולם נישט געבן. האט אים דער רבי געענטפערט אז דאס איז דעת בעלי בתים, אבער דער דעת תורה איז פונקט פארקערט, די משנה זאגט: "מצוה גוררת מצוה" ממילא, אויב ליגט נאך דער טעם ביי א מענטש, פון די פריער'דיגע מצוה, וועט אים דאס צוציהען ער זאל דאס ווען נאכאמאל מקיים זיין, און דער אפיל פון פאריגע וואך וועט אים ברענגען ער זאל וועלן געבן ביי די מגבית אויך. משא"כ, אויב עס גייט אריבער אפאר וואכן, פארגעסט מען שוין אינגאנצן פון די מצוה און מען גיבט ווייניגער.

## די בעסטע ענטפער איז צו שווייגן

ביי א מחלוקה איז דאס בעסטע - פלעגט דער רבי זאגן - מען זאל גארנישט ענטפערן אויף יענעמס רייד, דורך דעם וועט יענער אויך אנטשוויגן ווערן. דאס מיינט דער פסוק אין תהלים: "ואני כחרש לא אשמע וכאלם לא יפתח פיו", לכאורה, פארוואס הייבט ער אן לא אשמע אויף זיך, און ער לאזט אויס לא יפתח פיו אויף יענעם? נאר דער פשט איז, אז דער פסוק גיבט אונז אן עצה ביי א מחלוקה, אז אויב איך וועל מיך מאכן ווי א טויבער וואס הערט נישט, "כחרש לא אשמע", דעמאלטס וועט ארויסקומען אז מיין בעל פלוגתא וועט ווערן "כאלם לא יפתח פיו", אז ער וועט ווערן ווי א שטימער וואס עפנט נישט דאס מויל.

## צו עפענען די הענט

איינמאל האט א געוויסער עושר א קמצן, געשיקט אויסצוטיילן פאר מערערע מוסדות פון דעם רבי'ן זי"ע דעם זעלבן סכום, פאר גרעסערע מוסדות און פאר קלענערע מוסדות די זעלבע סכום, האט זיך דער רבי אנגערופן: "מיר געפינען ביי די מצוה פון צדקה אין פרשת ראה, ווי די תורה זאגט א מצות עשה פון "פתח תפתח את ידך", דו זאלסט אויפמאכן די הענט, און א לאו פון "לא תקפץ ולא תאמץ את ידך", זאלסט נישט האבן קיין פארמאכטע הענט, פארוואס באצייכנט דאס די תורה מיט א לשון פון אויפמאכן און צומאכן? פארוואס זאגט נישט די תורה פשוט: "זאלסט געבן צדקה"? נאר וואס דען, די מצוה איז צוגעגליכן צו די הענט פונעם מענטש, ווען די הענט פון מענטש זענען אויפגעמאכט, זענען פארהאנען גרעסערע פינגער און קלענערע פינגער. דאס זעלבע איז ביי צדקה, פאר א גרעסערע צוועק גיבט מען מער, און פאר א קלענערע ווייניגער. אבער ביי א קמצן וואס וויל נישט געבן צו פיל צדקה זענען אלע צוועקן גלייך, גרויסע פונקט ווי קליינע, עס איז פונקט ווי ווען די הענט זענען פארמאכט, וואס דעמאלטס קוקן אלע פינגער אויס

גלייך. דאס זאגט די תורה, פתוח תפתח את ידך, דו זאלסט האבן אפענע הענט, צו האבן דעת וואו מער צו געבן און וואו ווייניגער, "לא תקפץ ולא תאמץ את ידך" זאלסט נישט האבן קיין פארמאכטע הענט אנצוקוקן אלע צוועקן גלייך".

## נאר שבת זינגט מען מנוחה ושמחה

דער רבי זי"ע האט אמאל געזאגט: "מנוחה ושמחה זינגט מען נאר אום שבת, ווייל נאר דעמאלטס איז א שמחה אז מען האט מנוחה און מען ארבעט נישט, אבער א גאנצע וואך, אויב עס איז דא מנוחה, ווייל ס'איז נישטא קיין ארבעט, איז שוין גארנישט קיין שמחה, ווייל מען האט דאך נישט קיין פרנסה".

## אזעלכע חטאת נעורים

דער של"ה הקדוש שרייבט שארף קעגן די וועלכע זענען עוסק בפלפולים, און ער שרייבט אז ער איז אויך געווען פארכאפט אין דעם אין זיינע יוגנט יארן, ער רופט דאס אן "חטאת נעורים". האט דער רבי זי"ע אמאל געזאגט א ווערטל: "אויב מען האט נאר אזא "חטאת נעורים", וואקסט מען אויס א של"ה הקדוש".

## שקר אין לו רגלים

דער רבי זי"ע פלעגט זאגן: "חז"ל זאגן: שקר אין לו רגלים, שקר האט נישט קיין קיום ווייל עס האט נישט קיין פיס, לכאורה, היינט זעט מען דאך יא ווי שקר עקזיסטירט און האלט אן א לאנגע צייט? נאר וואס דען, דער שקר האט טאקע נישט קיין קיום, עס האלט נישט לאנג אן, נאר די היינטיגע שקרנים, וויבאלד איין שקר פלאצט, האבן זיי שוין באלד א פרישן שקר, און אזוי ווייטער, שטענדיג קומען זיי אויף מיט פרישע שקרים, די שקר'דיגע פיס קראכן גלייך, אבער גלייך ריקן זיי אונטער א פרישן שקר'דיגן פיסל און אזוי האלט דאס אן"...

## מותר מדרבנן און אסור מדאורייתא

אויף פארשידענע געשעפטן, וועלכע זענען פארבינדן מיט שאלות פון איסור ריבית, און עס זענען פארהאנען אזעלכע רבנים וועלכע געבן דערויף היתרים מיט היתר עיסקא, אבער על פי הלכה איז עס נישט אויסגעהאלטן. האט דער רבי זי"ע זיך אויסגעדרוקט: "די געשעפטן זענען מותר מדרבנן אבער זענען אסור מן התורה".

## יתמי דיתמי

ביי א שמועס וועגן שפלות הדור, האט זיך איינער אנגערופן אז דער היינטיגער דור איז א דור יתום, האט זיך דער רבי זי"ע אנגערופן: "פאר הונדערט יאר האט מען זיך שוין אפגערעדט אז ס'איז א דור יתום, מיר זענען אבער "יתמי דיתמי".

## א גרעסערער עם הארץ

דער רבי זי"ע פלעגט זאגן, אז פון די לאנגע ווינטער נעכט וואקסט מען אויף אדער א גרעסערער תלמיד חכם ווי פריער, אדער א גרעסערער עם הארץ ווי פריער, א גרעסערער תלמיד חכם איז דאך פשוט, ווייל מען לערנט אסאך תורה אין די לאנגע ווינטער נעכט, און א גרעסערער עם הארץ, ווייל "זקני תלמידי חכמים כל זמן שמזקינים דעתם מתפשטת עליהם" ווי עלטער זיי ווערן, ווערן זיי גרעסערע עמי הארצים, און אויב האט מען פארברענגט אזעלכע לאנגע נעכט איז מען געווארן א גרעסערער און עלטערער עם הארץ.

## איר זאלט יעצט זיין א איד

אן איד איז אריינגעקומען אין אמעריקע צום רבי'ן זי"ע נאך די וועלט מלחמה, מיט א צובראכן הארץ, היות אין די יארן פון די מלחמה, איז ער און די גאנצע משפחה געווען פארשטעלט ווי גוים, זיי האבן זיך געפירט ווי גוים און אזוי ארום האבן זיי זיך געראטעוועט ביי די מלחמה, ע"כ בעט ער יעצט א תיקון תשובה, אויף די זינד פון לעבן ווי א גוי. האט אים דער רבי געענטפערט מיט א שמייכל: "דער תיקון אויף דעם איז קורץ און שארף: זאלסט זען יעצט זיך צו פירן ווי אן איד".

## נאר גוטע בשורות

א באקאנטע רעבעצין, האט זיך אמאל אריינגעריסן אין רבינ'ס ביהמ"ד, אינמיטן די הייליגע שלוש סעודות תורה, מיט א יאמערליכן געוויין, אז איר שנור איז פלוצים מסוכן קראנק געווארן ל"ע, און דער רבי זאל מעורר רחמים זיין. צומארגנס איז זי געקומען צום רבי'ן מפייס זיין, פארוואס זי האט געשטערט אינמיטן שלוש סעודות. האט דער רבי געענטפערט, אז דער פיוס וועט זיין אז איר וועט קומען מבשר זיין אז אלעס איז אין ארדענונג, און אלעמאל קומען מבשר זיין נאר גוטע בשורות.

# דאס גרויסע מסירות נפש פון רביה"ק זי"ע

**שטייענדיג אין דעם חודש וואס עס פאלט אויס די צוויי און דרייסיג'סטע יארצייט פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, וואס עס איז שוין אזוי פיל געשריבן געווארן איבער רביה"ק זי"ע, גאנצע ביכער איז שוין ארויסגעקומען, וועגן דעם וועלן מיר אנרירן נאר אויפן שפיץ גאפל די גרויסע "מסירות נפש" פון רביה"ק זי"ע.**

## זיך אוועקגעגעבן פאר אידן מיט מסירות נפש

פונקט ווי זיין טאג טעגליכע לעבן איז צוגעגאנגען מיט מסירות נפש, דאס זעלבע מסירות נפש האט ער געהאט פאר אנדערע אידן, ער האט זיך אוועקגעגעבן פאר טויזנטער אידן צו ארויסהעלפן מיט וואס עס איז נאר שייך, ער איז געווען אן אדרעס פאר יעדן צוּבראכענער איד, ער האט אוועקגעגעבן פון זיין טייערע צייט שעות ארוכות, ער האט אליינס אוועקגעטיילט פאר אידן מיליאנען דאלארן פאר צדקה צוועקן, עס האט ביי אים נישט גענעכטיגט קיין פרוטה אין טאש, נאר אלעס האט ער אוועקגעגעבן פאר אידן, אפגערעדט זיין מסירות נפש ביי די מלחמה יארן, וואס ער האט זיך ממש מוסר נפש צו ראטעווען אידישע קינדער.

## אויפגעשטעלט אידישקייט אין אמעריקא מיט מסירות נפש

מיטן כח פון מסירות נפש האט רביה"ק זי"ע זוכה געווען צו מעמיד זיין הדת על תילה, פונקט ווי רבי עקיבא בשעתו האט מיט זיין גרויס מסירות נפש צוריק אויפגעשטעלט דעם כח התורה ווען די וועלט איז געווען וויסט נאכן אומקום פון זיינע פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים, ווי די גמרא דערציילט (אין יבמות סב:).

דאס זעלבע האבן מיר געזען ביי מרן רביה"ק זי"ע נאך די צווייטע וועלט מלחמה ווען די אידישע וועלט איז געווען חרוב ונחרב פיזיש און גייסטיש, און די השגחה עליונה האט געפירט א גרויסע חלק פון די שארית הפליטה קיין אמעריקא וועלכע איז געווען וויסט אין גייסטישן זין, פריערדיגע צדיקים האבן געציטערט אריינצוקומען אין דאזיגן וויסטן לאנד ווי מיליאנען אידן זענען פאר'גוי'אישט געווארן, די צדיקים האבן געזאגט אז די לופט פון אמעריקא איז טמא און פיל מיט חיצונים און קליפות ווייל די פריערדיגע צדיקים האבן נישט אריינגעטראטן אינעם לאנד און נישט אויסגערייניגט דאס לופט, אזוויי ס'איז באוואוסט פון הרה"ק רבי יהושע'לע בעלזער זי"ע.

אט אין דעם לאנד האט רביה"ק זי"ע בגודל קדושתו זוכה געווען צו מטהר זיין דאס לופט, זינט זיין קומען קיין אמעריקא פאר נאנט צו זעכציג יאר צוריק איז עס געווארן ווי א נייע לאנד ווי ס'זענען אויפגעוואקסן טויזנטער אידן יראים ושלמים חסידים ואנשי מעשה.

עס ווערט געברענגט אין ספר עמודא דנהורא (עמוד שס"ט) אז הגה"ק רבי בנימין רבינאוויטש זצוק"ל חבר הביד"ץ פעיה"ק האט געזאגט: וויאזוי האט דער סאטמאר'ער רב געקענט בויען אזויפיל אידישקייט אין אמעריקע?

האט ער עס ערקלערט מיט א מעשה וואס מ'זאגט נאך פון די צוויי הייליגע ברודער דער רבי ר' אלימלך און דער רבי ר' זושא זי"ע ווען זיי זענען געגאנגען אין גלות און זיי האבן איבעראל אויפגעטון תיקונים נוראים, ווען זיי זענען אבער אנגעקומען צו די דייטשע גרעניץ האט זיך דער ס"מ באוויזן צו זיי און האט זיי געווארנט אז אויב זיי וועלן דארט אריינגיין וועט ער איבער לאזן די גאנצע וועלט און ער וועט זיך נעמען נאר צו זיי, האבן זיי זיך דערשראקן און צוריק געצויגן, אבער שפעטער ווען די השכלה האט זיך פארשפרייט אין דייטשלאנד און עס איז ארויסגעקומען גרויסע חורבנות האבן זיי שוין חרטה געהאט פארוואס זיי זענען נישט אריין דארט, זיי וואלטן געדארפט האבן מסירות נפש אנטקעגן דעם ס"מ, ווייל מיט מסירות נפש וואלטן זיי דארט אויך געקענט מתקן זיין.

האט רבי בנימין אויסגעפירט: דער סאטמארער רב צוליב זיין גרויס מסירות נפש האט ער באקומען א באזונדערע סייעתא דשמיא ער זאל קענען אויפבויען אזויפיל אידישקייט אין אמעריקע.

מיר קענען היינט נישט באגרייפן וויפל מסירות נפש עס האט אפגעקאסט פאר מרן רביה"ק זי"ע אויפצובויען דאס אידישקייט אין אמעריקע,

יעדע מינדענסטע דבר שבקדושה וואס ער האט דארט געוואלט אויפטאהן איז איהם אנגעקומען מיט אויסטערלישע שוועריגקייטן וואס ס'האט זיך דערויף פארלאנגט מסירות נפש ממש אויף יעדע זאך האט מען אים געשטעלט שטיינער אין וועג, די אמעריקאנער אידן האבן נישט געדולדעט אז דער פרומער אלטמאדישער אידישקייט זאל איבער געפלאנצט ווערן אין אמעריקא, זיי האבן נישט סובל געווען דעם אלטמאדישן אידישן לבוש מיטן חינוך הישן, שמירת שבת כהלכתו, און כשרות און טהרה און צניעות פון אמאל, מרן זי"ע איז אין יענע תקופה געווען ללעג ולקלס אויף דער אמעריקאנער גאס.

די אזוי גערופענע אידישע פרעסע האט געשליידערט אויף אים טאג טעגליך חיצים ובליסטראות, אבער מרן זי"ע האט זיך נישט צוריקגעהאלטן פאר גארנישט, מיט דעם קליינעם ציבור וואס ער האט פארמאגט בשנת תש"ח האט ער בזיעת אפו געגרינדעט אונזער קהילה "קהל יטב לב ד'סאטמאר" און שפעטער די ישיבה און תלמוד תורה'ס און מיידל שולעס אין עטליכע געגנטן, ער האט אנגעהויבן בזעיר אנפין מיט געציילטע מיטגלידער פון זיין קהלה, און מיט געציילטע תלמידים אין זיינע מוסדות, נישט האבנדיג קיין שום געלד הכנסה, זייענדיג פארהאסט פון די אמעריקאנער אידישע קרייזן וועלכע האבן אים געשטעלט שטיינער ביי שריט און טריט.

אויב איז אים נישט גענוג געווען די שנאה פון די אמעריקאנער אידן צוליס זיין ארבעט ארייינצופלאנצן ערליכע אידישקייט אין אמעריקע, איז אים שפעטער צוגעקומען פרישע ערגערע שונאים צוליב זיין קאמף קעגן די מדינה הציונית, אין וועלכע ער האט ארויסגעטרעטן אין דער עפנטליכקייט איינער אליין א יחיד, דערפאר האט ער צובאקומען אסאך שונאים אויך פון די היימישע חסידישע קרייזן וולעכע האבן אים באשמוצט און גע'רודף'ט ער האט אויך געליטן פון געוויסע רבנים און אדמורי"ם וועלכע האבן אים באקעמפט אין זיין הייליגע ארבעט, אבער מרן זצ"ל האט זיך פאר קיינעם נישט אפגעהאלטן פון זיין הייליגע ארבעט.

מיטן כח פון זיין מסירות נפש האט מרן זי"ע באוויזן אויפצואקערן דעם הארטן אמעריקאנער באדן, און ער האט דא איבערגעפלאנצט די צורה פון אידישקייט פון דער אלטער היים, ער האט מעמיד געווען פיל רבבות תלמידים וועלכע האבן אויפגעשטעלט ערליכע אידישע שטובער לשם ולתפארת בדרך ישראל סבא, ער האט אויפגעשטעלט ערליכע בתי חינוך לויטן חינוך הישן, אזוי אז פון די אמאליגע אמעריקאנער טריפה'נע שטיינער, איז היינט פארוואנדלט געווארן הערליכע געגנטן אין ניו יארק און מאנטריאל, צו דעם אלעם איז מרן רבינו זי"ע צוגעקומען דורך זיין כח פון מסירות נפש.

## מלחמה לה' בעמלק מיט גרויס מסירות נפש

דער רבי זי"ע איז געווען דער ראש הלוחמים, נאך אין דערהיים איידער די התייסדות פון די מדינה איז ער געווען פון די גרעסטע מקנאי קנאת ה' צבאות, מיט זיינע פייערדיגע דרשות קעגן די ציונים, און זינט די גרינדונג פון די מדינה האט ער נישט נאכגעלאזט, און מרעיש עולמות געווען קעגן די כופרים און פושעים וואס ווילן אויסרייסן די גאנצע תורה הק'.

נאך די מלחמה אין יאר תשכ"ז ווען א גרויסער חלק פון כלל ישראל איז ליידער נמשך געווארן נאך די מכלומר'שטע "ניסים" האט דער רבי זי"ע געהאלטן מורא'דיגע דרשות קעגן די ציונים און זייערע נאכשלעפער, אין איינס פון די דרשות האט דער רבי געשריגן: "איך בין מוכן ומזומן זיך מוסר נפש צו זיין על דבר אמת און איך האב נישט מורא פון סכנת חרב!".

עס איז באקאנט אז פאר איינער פון די שרייבער'ס פון די הייליגע ספר "על הגאולה ועל התמורה" וואס רביה"ק האט ארויסגעגעבן, האט דער רבי געזאגט: "איך שפיר אז דער מוח בלייבט מיר שטיין פאר גרויס ווייטאג.

אזוי אויך איז באקאנט אז פרשת ויחי אין יאר תשכ"ח האט דער רבי זי"ע געפייערט מיט גרויס מסירות נפש קעגן די גזירה פון חיטוטי שכבי, שפעטער האט ער געזאגט פאר הרה"ח ר' יעקב משולם גרינפעלד ז"ל פון די תורה שרייבערס, אז ער האט געמוזט ענדיגן וויל ער האט געשפירט שטארקע הארץ ווייטאג, ליידער האט ער באקומען דעם סטראק בלויז עטליכע וואכן שפעטער.

הגה"ק משטראסבורג זי"ע חבר הבד"ץ פלעגט שטענדיג זאגן: אז דער רבי זי"ע האט אים אמאל געזאגט "ס'איז ביי מיר ברור אז איך בין געקומען אויף דעם עולם צו פירן א מלחמה קעגן ציונות.

## מסירות נפש אין קאמף קעגן די מדינה

מיט דעם זעלבן כח האט מרן רביה"ק זי"ע באוויזן מציל צו זיין דאס יהדות החרדית פון די ציוניסטישע כופרים, נאכדעם ווען דער שלטון הערב רב האט זיך משתלט געווען אין ארץ ישראל, זייי האבן געגרינדעט די מדינה און האבן באוויזן צו שאפן א בלבול המוחות איבער די גאנצע וועלט, אפילו חרדישע אידן זענען דאמאלט ליידער נתפס געווארן צו ציונות, גלויבנדיג אז די מדינה איז א "אתחלתא דגאולה" ר"ל אדער איז עס געווען ביי זיי א מקום מנוחה מן השמים, אז אידן זאלן האבן וואו צו אראפלייגן דעם קאפ, רוב כלל ישראל האט באטראכט די מדינה אלס א ישועה, ווען די פרומע פארטייען האבן זיך מתחבר געווען צום שלטון המדינה, האבן זיי נאכמער פארגרעסערט דעם בלבול המוחות אין די אידישע וועלט, מיט זייערע דעות כוזבות געמישט מיט תורה און חסידות, עס האט אויסגעקוקט ווי די גאנצע אידישע וועלט ווערט פארכאפט אין מינות ואפיקורסות ר"ל.

דעמאלס איז ווייטער מרן זצ"ל איינער אליין ארויסגעקומען מיט מסירות נפש ווי אברהם אבינו בשעתו, וועלכער האט צעשטערט די עבודה זרה'ס טראץ דעם וואס קיינער פון די גדולי ישראל האט זיך דאן נישט געוואגט ארויסצוקומען צו ערקלערן אין דער עפנטליכקייט אז אידישע קינדער טארן נישט גלייבן אין די דאזיגע ישועה, ווייל עס איז פשוט א אומגליק פאר כלל ישראל ברוחניות ובגשמיות.

אין יענע יארן האט דאס ממש געמיינט מסירות נפש, צו גיין קעגן שטארעם פון די גאנצע וועלט, ווער עס האט זיך נאר געוואגט עפעס ארויסצוזאגן א ווארט קעגן די מדינה איז געווען אין א סכנה איינגעשלינגען צו ווערן, דאן האט מרן זי"ע מיט מסירות נפש ממש ארויסגעשריגן דעם דבר ד' אז עס איז מינות און אפיקורסות צו גלייבן אז די מדינה וועט ברענגען א ישועה פאר אידן, פארקערט, די מדינה איז דער גרעסטער אומגליק פאר כלל ישראל ברוחניות ובגשמיות און על פי תורה איז אסור ביהרג ועל יעבור זיך צו מתחבר זיין צו די מדינה.

אבער ער איז גרייט געווען אלעס צו פארלירן אבי משפיע צו זיין דעם אמת'ן דבר ד' "איך שרעק זיך נישט מפני סכנת החרב" האט ער זיך דערביי אויפגעפענט זיין העמד קעגן הארץ און אויסגעשריגן וויינענדיג מיטן פינגער "איך בין גרייט מ'זאלמיר שיסן צוליב מיין קאמף פארן כבוד שמים, און איך וועל נישט צוריקטרעטן פון זאגן דעם אמת, ווייל מ'דארף האבן מסירות נפש" עכל"ק.

מיר קענען זיך היינט נישט פארשטעלן וויפל רדיפות מרן זי"ע האט געליטן צוליב זיינע געוואגטע ארויסטריטן, וויפל מסירות נפש דאס האט אים געקאסט, אבער ביי אלע אומשטענדן האט ער זיך געהאלטן פעסט, אפילו ווען ער האט נישט געהאט קיין הילף פון קיינעם, ער האט אויסגעשריגן ווי משה רבינו בשעתו "מי לד' אלי... ויאספו אליו כל בני לוי".

צוביסלעך צוביסלעך האבן אידישע הערצער אנגעהויבן צו פילן אז דער צדיק שרייט אויס דעם אמת מיט מסירות נפש. פון יאר צו יאר האבן אלס מער אידן איינגעזען דעם אמת און האבן זיך פורש געווען פון די עבודה זרה הציונית, די מחנה פון אומפארטייאישן יהדות החרדית איז געוואקסן פון יאר צו יאר, מיטן כח פון זיין מסירות נפש איז פארבליבן רבבות אידן מיט די ריינע אמונה אן קיין תערובת מינות.

דורכן זעלבן כח פון מסירות נפש האט מרן זי"ע זוכה געווען צו בעקעמפן די גזירות נגד עקירת הדת פון דעם שלטון הציוני, וועלכע האבן גלייך נאכן באקומען דעם שלטון פרובירט ארויסצוגעבן איין גזירה נאך די צווייטע ווי גיוס בנות, גיוס בני הישיבות, נתוחי מתים, חוק חינוך חובה אפצושוואכן די ערליכע תלמוד תורה'ס, און מעביר זיין על הדת אלע אידישע קינדער, ווי אויך די גזירה פון די מועדון אין מאה שערים, און געמישטע בריכה אין ירושלים, און נאך פילע גזירות רעות מיטן ציל פון פולשטענדיג אויסצורייסן דעם דת פון אידן, לויט זייערע פינסטערע פלענער וואלט שוין לאנג נישט געדארפט פארבלייבן קיין שם ושארית פון יהדות החרדית, היל"ת.

אבער בחסדי ד' האבן זיי נישט באוויזן דורכצופירן זייערע פלענער דורך דאס מסירות נפש פון מרן זי"ע, וועלכער האט אנגעפירט פון חוץ לארץ אן עפנטליכן קאמף קעגן די מדינה, ער האט אנגעפירט מיט עפנטליכע דעמאנסטרציעס אין די גאסו פון ניו יארק, און האט גלייכצייטיג געמוטיגט דעם אופארטייאישן יהדות החרדית אין ירושלים צו שטיין פעסט אין קאמף, און מיטן כח פון די דאזיגע מחאות וועלכע האבן געהאט א ברייטן אפקלאנג אין די וועלט, דאס האט צוריקגעהאלטן די ציונים דורכצופירן די גזירות

שמד אויפן יהדות החרדית, און גאר אסאך פעלער ווען זיי האבן געפלאנט דורכצופירן זייערע גזירות בפועל, האבן זיי געמוזט צוריקטרעטן צוליב דעם מעכטיגן ווידערשטאנד און מסירות נפש פון מרן זי"ע ועדתו בחוץ לארץ.

מיר קענען זיך נישט היינט פארשטעלן וואס פאר א מסירות נפש די דעמאנסטראציעס אנטקעגן די מדינה זענען געווען אין יענע יארן ווען ידם של ציונים איז געווען תקיפה, און זיי זענען געווען גרייט צו שיסן - ח"ו- דעם רבי'ן, דער רבי האט עטליכע מאל באקומען דראונגס בריוון אז אויב ער וועט נישט אויפהערן וועט מען אים אומברענגען, אזוי ווי זיי האבן געטאן מיט דעהאן הי"ד אז מ'האט א געוויסע תקופה געמוזט שטעלן א באוואפענטן שומר אין הויז פון מרן זי"ע.

רביה"ק בעל ברך משה זי"ע האט דערציילט אז ער איז איינמאל געזעסן ביי אזא איינע פון די דעמאנסטראציעס קעגן די מדינה נעבן זיין פעטער (מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע) אינמיטן איז אים באפאלן א שרעק אז דא האבן די ציונים א געלעגנהייט ח"ו דורכצופירן זייערע געמיינע סטראשונגען ח"ו.

האט דער רבי דער ברך משה זי"ע - זיצנדיג נעבן דעם פעטער - געפרעגט צי פארווארפט זיך נישט אריין אין הארץ א חשש און מורא טאמער וועט עמיצער פון די בריונים חלילה וועלן פוגע זיין אין אים.

האט דער רבי זי"ע געענטפערט בערך מיט דעם לשון, איך האב שוין לאנג אויפגעגעבן דעם פחד פאר די רשעים ומנאצי השם! פאר זיי האב איך קיין מורא נישט! דער איינציגער פאר וועמען איך האב מורא, איז פאר קודשא בריך הוא! בלתי לד' לבדו ומפחד הדר גאון עוזו"!

אט מיט דעם כח פון מסירות נפש האט מרן זי"ע באוויזן צו באזיגן די ציונים זיי זאלן נישט קענען דורכפירן זייערע גזירות פון עקירת הדת, ער האט משפיע געווען מיט זיין מסירות נפש אויפ'ן גאנצן כלל ישראל זיי זאלן זיין גרייט צום קאמף במסירות נפש, דאס האט אביסל אפגעשוואכט דעם מעכטיגן כח הטומאה פון די ציונים, אז טראצדעם וואס זיי האבן ליידער באוויזן מעביר צו זיין על הדת רבבות מישראל, איז אבער דאך פארבליבן א שם ושארית מישראל, דאס יהדות החרדית אין ארץ ישראל מיט זייערע מוסדות בליען ווייטער לשם ולתפארת בחסדי השי"ת.

די מוסדות וואס האבן אויסגעפאלגט מרן זי"ע'ס הוראות, נישט צו נעמען קיין שטיצע פון די ציונים שטייען ביים היינטיגן טאג ב"ה און א בעסערן מצב ווי די מוסדות וועלכע האבן נישט עומד געווען בנסיון און האט זיך פארקויפט פארן עקר הציוני, יענע פלאגן זיך היינט אויסטערליש פאר זייער עקזיסטענץ זינט די מדינה האט געשניטן פון זייער שטיצע צו זיי, און פון דער אנדערע זייט צווינגט די רעגירונג יענע מוסדות איינצופירן די לימודים פון תכנית הליבה, וואס איז שוין היינט ליידער באקאנט וואס זיי ברענגען אריין אין די ישיבות און שולעס די טריפה'נע לימודים.

היינט שטעלט זיך ארויס אז די וואס האבן אלע יארן געהאט מסירות נפש און האבן מוותר גווען אויף די ריזיגע סומעס ציוניסטישע געלטער, די זענען די מערסטע פאר זיכערט - בדרך הטבע - אז זייערע מוסדות וועלן ווייטער עקזיסטירן ברוחניות ובגשמיות.

אין זיינע לעצטע יארן ווען רביה"ק זי"ע איז שוין נישט געווען אין די כוחות האט ער זיך כמה פעמים אנגעשטרענגט און געשריבן זיין דעת תורה אויף די מאורעות הזמן, אויך אינעם לעצטן יאר לימי חייו הק' עלי אדמות האט ער מיט גרויס מסירות נפש און העכער פון זיינע כוחות מייסד געווען די "קרן הצלה" און אריבער געגרופן דעם בית דין צדק פון ירושלים צו די גרויסע אסיפה, אויך איז דער רבי זי"ע אריינגעקומען מיט גרויס מסירות נפש פון קרית יואל צו די אסיפה און משמיע געווען זיינע דברים חוצבים להבות אש.

דער כלל וואס מיר דארפן וויסן היינטיגע צייטן איז, אז מיר דארפן זיך אפלערנען אויף די הצלחות, אז דאס וואס מען טוט מיט מסירות נפש פאר כבוד שמים איז מען זיכער מצליח, אויב ווילן מיר ווייטער מצליח זיין זיך צו האלטן אין די שווערע צייטן מיט די גרויסע נסיונות, זיך צו קענען ווייטער פירן אויף די וועג פון אונזערע עלטערן און רבי'ס, נישט קוקן אויף גארנישט נאר ארבעטן פאר כבוד שמים, אזוי ווי מיר האבן צוגעזען ביי רביה"ק זי"ע, נאר אויב מיר וועלן זיך אזוי פירן וועלן מיר זיכער מצליח זיין, מיר זענען מתפלל אז מיר זאלן טאקע זוכה זיין זיין צו גיין אין די וועגן פון אונזערע הייליגע רבי'ס טאקע מיט מסירות נפש ביז מיר וועלן זוכה זיין צו גיין קעגן גואל צדק ומלכינו כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א בראשינו במהרה בימינו אמן.

# שלשלת ספרי רבותינו הק' לבית סיגעט סאטמאר

| | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| י | ש | מ | ח | מ | ש | ה | ה | ו | ו | ע | א | ג | ר |
| י | ל | ל | י | א | ב | נ | ש | י | י | צ | ו | ד | א |
| י | ב | ר | כ | מ | ש | ה | י | א | ו | י | ר | י | ל |
| ט | א | ב | ח | נ | י | ו | ב | ל | א | ח | ו | ר | ע |
| ב | ג | ד | ה | ז | ח | ט | מ | מ | ל | י | ת | י | ז |
| פ | ר | י | ל | נ | ס | ע | ש | ש | מ | י | ח | פ | ר |
| נ | ב | ג | ד | ה | ו | ז | ה | ה | ש | מ | י | פ | נ |
| י | ט | י | י | ט | ב | ל | ב | מ | ה | ש | י | ל | י |
| מ | י | ע | ל | ה | ג | א | ו | ל | ה | ת | מ | ב | ס |
| ג | ת | פ | ל | ה | ל | מ | ש | ה | מ | ח | ש | ע | נ |
| ד | ר | ב | ט | ו | ב | ל | ש | ש | ו | ה | ק | ל | ת |
| ע | ל | ה | ת | מ | ו | ר | ה | מ | ה | ר | י | ט | ב |
| ד | ב | ר | י | י | ו | א | ל | מ | ה | ר | א | ט | ב |
| ק | ד | ו | ש | ת | י | ו | ט | ב | נ | א | ח | י | ד |
| ר | א | ב | נ | י | צ | ד | ק | ש | ת | י | י | מ | ש |

ישמח משה
השיב משה
תפלה למשה
ר' אלעזר ניסן
ייטב לב
ייטב פנים

רב טוב
אבני צדק
קדושת יו"ט
עצי חיים
דברי יואל
ויואל משה

על הגאולה
על התמורה
מהר"י ט"ב
ברך משה
מהר"א ט"ב
אורות חיים

# נֶעם אַרוֹיס יֶעדֶע דְרִיטֶע אוֹת

**ע**

הייב אן פון די גרויסע ע'
און נעם ארויס יעדע דריטע אות
און לייג עס אריין אין די קומענדיגע קעסטלעך
וועסטו טרעפן איינע פון די ספרים פון רבינו הק' זי"ע

די איבעריגע אותיות ליג אריין אין אנדערע קעסטלעך
וועסטו טרעפן א תפילה אז די זכות פון די אבות הק' זאל אונז ביישטיין